בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת בָּלָק

תשפ"א

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב**
**בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול**
**ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די**
**אידישע שטוב**
**212-444-9169**

גרפיקה עיצוב ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** 05276-27127

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ גֶעבְּן זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט פַאר מַיין מַאן?.........א

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִיר גֶעבְּן גַאנְץ שַׁ"ס..........................................ג

זָאל אִיךְ דֶערְמַאנֶען מַיין מַאן פְּשׁוּטְ'עֶ הֲלָכוֹת?.......................ה

מֶעג אִיךְ מְנַדֵב זַיין פַאר אֲשֶׁר בְּנַחַל, אִין דִי צַייט
וָואס אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג חוֹבוֹת?...................................................ז

בִּין אִיךְ מְחוּיָב צוּ גֵיין צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן אוֹיף שַׁבָּת?..................ח

זָאל אִיךְ מַאכְן אַן אַפֶּערַאצִיֶע צוּ פַארְלִירְן וָואג?........................י

וִוי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער
פַאר מַיין וַוייבּ? ........................................................................יא

מֶען נֶעמְט נִישְׁט אָן מַיינֶע קִינְדֶער וַוייל אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר,
וָואס טוּ אִיךְ? ........................................................................יג

וֶוער אִיז דֶער צַדִיק הָאֱמֶת?.........................................................כ

וִוי אַזוֹי שְׁפִּירְט מֶען אַ טַעַם אִין תּוֹרָה, וֶוען מָאוּוִיס
אִיז מִיר גֶעשְׁמַאקֶער? .............................................................כב

מֶעג אִיךְ הָאבְּן אַ קָאמְפְּיוּטֶער אִינְדֶערְהֵיים זִיךְ
צוּ לֶערְנֶען אַ פַאךְ?..................................................................כד

מֶעג אִיךְ נֶעמֶען אַ פְּרוֹי צוּ מַאכְן מִיט מִיר פִּיזִיקְל טֶערֶעפִּי?......כה

ווֹאוּ זָאל אִיךְ אַיינְשְׁטֵיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן?.....................כו

וִוי אַזוֹי שְׁטֶעלְט מֶען אַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין קְלַאס, אָן שְׁלָאגְן?......כח

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת ..............................א

זִיךְ גֶטְ'ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה, אָבֶער כַאפְּן שְׁלֶעק
אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה..............................א

לָאזְן מַאכְן אַ מִנְיָן נָאר אוֹיב מֶען דַאוֶוענְט עֶרְנְסְט..............ב

מֶען קוּקְט נִישְׁט בַּיי אַ שִׁידוּךְ אוֹיב מֶען אִיז
בְּרֶסְלֶב אָדֶער נִישְׁט..............................ג

מַזָל טוֹב פַאְרְ'ן מְסַיֵים זַיין שִׁשָׁה סִדְרֵי תוֹסֶפְתָּא..............ד

רֶעדְט פוּן גוּטֶע אוּן פַּאזִיטִיוֶוע זַאכְן, וֶועט אִיר
הָאבְּן גַדְלוּת הַמוֹחִין..............................ה

וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן בַּאקוּמְט
מֶען אַ מוֹרָא'דִיגֶע חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען..............................ו

אַז דוּ הָאסְט אוֹיסְגֶעלָאזְט מַסֶכְתּוֹת, גֵיי קוֹדֶם
וַוייטֶער וואוּ מֶען הַאלְט..............................ו

דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ בָּחוּר וָואס אַרְבֶּעט,
אָבֶער לֶערְנְט אוֹיךְ יֶעדְן טָאג..............................ז

טְרֶעף זִיךְ יֶעדְן טָאג מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן..............................ח

גֶעב אַכְטוּנְג אוֹיף דִי גֶעפִילְן פוּן אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים..............ט

כַאפּ אַ טֶענְצְל אִינְדֶערְהֵיים, וֶועלְן דִי קִינְדֶער קוּמֶען צוּ לוֹיפְן .....י

וֶוער עֶס הֶעלְפְט בּוֹיעֶן קְהִלוֹת בְּיִשְׂרָאֵל -
אִיז דָא אוֹיף זֵיי טַעֲנוֹת..............................י

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ גֶעבְּן זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט פַאר מַיין מַאן ?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ קֶען נִשְׁט וַוייטֶער אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ טֵייעֶרְער מַאן, זֵייעֶר אַ גוּטֶער, אַ גוּט הַארְץ, אַ וֵוייכֶע הַארְץ, עֶר אִיז נָאר גוּט צוּ מִיר, עֶר הָאט מִיר נָאךְ קֵיינְמָאל נִשְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט, אִיךְ הָאבּ אָבֶער אַ גְרוֹיסֶער פְּרָאבְּלֶעם, אֶפְשָׁר וָואלְט דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה מִיר גֶעקֶענְט הֶעלְפְן.

מַיין מַאן קוּמְט פוּן אַ שְׁוֶוערֶע שְׁטוּב, זַיינֶע עֶלְטֶערְן קָאנְטְרָאלִירְן זֵייעֶר שְׁטַארְק דִי קִינְדֶער, אוּן בִּיז דִי חֲתוּנָה הָאט מֶען אִים מַמָּשׁ נִשְׁט גֶעלָאזְט אָטֶעמֶען, עֶר הָאט נִשְׁט גֶעמֶעגְט הָאבְּן קַיין אֵייגֶענֶע מֵיינוּנְג, אוּן דָאס הָאט גֶעמַאכְט עֶר זָאל נִשְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם אַחְרַיוּת, מֶען הָאט אַלֶעס גֶעטוּן פַאר אִים, צִי עֶר הָאט יָא אָדֶער נִשְׁט גֶעוָואלְט.

דֶערְפַאר אִיז יֶעצְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זָאגְן וָואס עֶר הַאלְט, צוּ נֶעמֶען אַחְרַיוּת אוּן עֶרְלֶעדִיגְן זַאכְן, רוֹב צַייט קוּמְט אוֹיס אַז אִיךְ מַאךְ דִי הַחְלָטוֹת. לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט מַחְלִיט זַיין וָואס מִיר גֵייעֶן טוּן אָדֶער וואוּ מִיר זָאלְן גֵיין, אִיךְ בֶּעט אִים עֶר זָאל מַחְלִיט זַיין, אָבֶער עֶר קֶען נִשְׁט, עֶס נֶעמְט אִים זֵייעֶר לַאנְג בִּיז עֶר קֶען אַרוֹיסְזָאגְן וָואס עֶר וִויל, מֶען דַארְף אִים זֵייעֶר אַסַאךְ דֶערְמַאנֶען וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן. דָאס מַאכְט מִיר שְׁפִּירְן וִוי אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ קְלֵיין קִינְד. דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט שְׁטֶענְדִיג אַז אַ וַוייבּ קֶען טוֹישְׁן דֶעם מַאן, אָבֶער אִיךְ וֵוייס נִשְׁט וִוי אַזוֹי.

הַלְוַאי זָאל דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן אוּן גֶעבְּן אַן עֵצָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרָשַׁת חֻקַּת, ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחִיֶ׳**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט אַ וואוּילֶער מַאן, אַן עֶרְלִיכֶער מַאן, אַ גוּטֶער מַאן; דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר טְשֶׁעפֶּעט אַייךְ נִישְׁט. עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ אַז אִיר זָאלְט מַאכְן דִי הַחְלָטוֹת, מֶען קֶען הָאבְּן אַ גָאלְדֶענֶע לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, אַ הֶערְלִיכֶע שָׁלוֹם בַּיִת - אֲפִילוּ וֶוען דֶער מַאן וֵוייסְט נִישְׁט אַלֵיינְס מַחְלִיט זַיין וָואס, וֶוען און וואוּ.

גֶעדֶענְקְט דֶעם כְּלַל, ווילַאנְג מַאן און וַוייבּ גְרוֹיסְן זִיךְ נִישְׁט אֵיינֶער אוֹיפְ׳ן צְוֵוייטְן, זֵיי זֶענֶען זִיךְ מְכַבֵּד, זֵיי הָאבְּן זִיךְ בֶּאֱמֶת לִיבּ - אִיז אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ נִישְׁט וויכְטִיג, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ פַאלְט אַוֶועק וֶוען עֶס אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט, מֶען גְרוֹיסְט זִיךְ נִישְׁט. אַז אִיר וֶועט אִים אַרוֹיפְקוּקְן, אִיר וֶועט אִים מְכַבֵּד זַיין - וֶועט דִי שְׁכִינָה רוּעֶן בַּיי אַייךְ, עֶס אִיז דָא צֶענְדְלִיגֶער מִשְׁפָּחוֹת וָואס דִי פְרוֹי מַאכְט דִי הַחְלָטוֹת, זִי זָאגְט וָואס מֶען זָאל טוּן וְכוּ׳ - און זֵיי לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים. עֶס אִיז נִישְׁט עֶק וֶועלְט אַז אִיר זֶענְט דִי וָואס דַארְף זָאגְן וָואס צוּ טוּן.

נִישְׁט אִיךְ זָאג דָאס אַז אַ פְרוֹי קֶען טוֹישְׁן דִי מַאן; מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט דָאס, אָבֶער אִין אַייעֶר פַאל דַארְפְט אִיר אִים נִישְׁט טוֹישְׁן, אִיר דַארְפְט טוֹישְׁן אַייעֶר וֶועג פוּן טְרַאכְטְן, הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן אַז עֶס אִיז אַייךְ גוּט, הֵייבְּט אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט אַ גוּטֶער מַאן, עֶר טְשֶׁעפֶּעט נִישְׁט, עֶר טוּט אַייךְ נִישְׁט וֵויי; דָאס אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וויאַזוֹי צוּ מַאכְן הַחְלָטוֹת - דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חִסָרוֹן, וֶועט אִיר מַאכְן דִי הַחְלָטוֹת, כָּל זְמַן עֶר רֶעדְט שֵׁיין צוּ אַייךְ, עֶר קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר טוּט אַייךְ נִישְׁט וֵויי - דַארְפְט אִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

הַיינְט הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן אַ פְרוֹי [זֶע וַוייטֶער אִין דֶעם קוּנְטְרֶס, בַּיי דִי בְּרִיוְן פוּן אִישׁ אֱמוּנוֹת] וָואס זִי וֵויינְט אַז אִיר מַאן שְׁלָאגְט אִיר, אִיר מַאן צְווינְגְט אִיר, עֶר שְׁלֶעפְּט אִיר און וַוארְפְט אִיר אַרָאפּ דִי טְרֶעפּ רַחֲמָנָא לִצְלָן; דִי פְרוֹי הָאט קִינְדֶער, זִי פְרֶעגְט אוֹיבּ זִי זָאל זִיךְ גֶטְ׳ן, וָואס זִי

זָאל טוּן? דָאס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע שְׁאֵלָה, דָאס אִיז אַ צָרָה; אַ פְרוֹי וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ שֵׁיגֶץ וָואס שְׁלָאגְט, אַ מַאן וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ דִי פְּרוֹי - דָאס אִיז יֶענְץ צָרָה, אָבֶער אִין אַייעֶר פַּאל וָואס אִיר שְׁרַייבְּט 'אִיךְ הָאבּ זַייעֶר אַ טֵייעֶרֶער מַאן, זַייעֶר אַ גוּטֶער, אַ גוּט הַארְץ, אַ וֵוייכֶע הַארְץ, עֶר אִיז נָאר גוּט צוּ מִיר, עֶר הָאט מִיר נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט, עֶר הָאט נָאר אֵיין גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעם, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַלֵיינְס מַחְלִיט זַיין' - זָאלְט אִיר מַאכְן דִי הַחְלָטוֹת.

אִיר וֶועט זֶען, אַז אִיר וֶועט אִים אָנְהֵייבְּן הֵייבְּן, אִיר וֶועט אִים לוֹיבְּן אוּן אִיר וֶועט מַאכְן דִי הַחְלָטוֹת, אוּן מִיט חָכְמָה וֶועט אִיר מַאכְן עֶר זָאל שְׁפִּירְן ווִי עֶר הָאט גֶעמַאכְט דִי הַחְלָטוֹת - וֶועט נִישְׁט לַאנְג נֶעמֶען בִּיז עֶר וֶועט וֶוערְן אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען זִיכֶערְקֵייט, עֶר וֶועט שׁוֹין קֶענֶען פִירְן דִי שְׁטוּבּ.

הֵייבְּט אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר מַאן וָואס אִיר הָאט, אוֹיךְ זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַייךְ גֶעבְּן חָכְמַת נָשִׁים ווִי אַזוֹי אִיר זָאלְט אִים מַאכְן זִיכֶער מִיט זִיךְ, וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**יְיַשֵׁר כֹּחַ פַּארְ'ן מִיר גֶעבְּן גַאנְץ שַׁ"ס**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פוּן טִיפְן הַארְץ פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א טוּט פַאר אוּנְז. אִיךְ הָאבּ יֶעצְט זוֹכֶה גֶעוֶוען עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אִין מַיין לֶעבְּן, אִין זְכוּת פוּן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי פִילֶע חִיזוּק וָואס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי כֹּחוֹת נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן נָאר אַלֶעמָאל גֵיין הֶעכֶער אוּן בֶּעסֶער.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, מֶען הֵייבְּט אָן לֶעבְּן אַ לֶעבְּן מִיט חַיוּת וְכוּ' וְכוּ', - אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אַז מֶען גֶעבְּט דָאס אִיבֶּער פַאר אַנְדֶערֶע, דָאס הָאט מוֹהֲרַא"שׁ גֶעטוּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

מוֹהֲרַא"שׁ הָאט פַארְשְׁפְּרֵייט פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי וָואס קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, עֶס אִיז דָא אַ וֶועג פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק, עֶס אִיז דָא אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, עֶס אִיז דָא אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְּן שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ וְכוּ' וְכוּ'.

וֶוען מוֹהֲרַא"שׁ אִיז גֶעוָוארְן מְקוּרָב הָאט מֶען נִישְׁט גֶעוְוּיסְט בִּכְלָל פוּן בְּרֶסְלֶב, מַמָּשׁ גֶעצֵיילְטֶע הָאבְּן גֶעוְוּיסְט פוּן רֶבִּי'ן; דֶעמָאלְט הָאט מוֹהֲרַא"שׁ צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי'ן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטוּן גְלַייךְ נָאךְ זַיין חֲתוּנָה. מוֹהֲרַא"שׁ הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט שְׁנַת תשכ"ב, צְוֵויי יָאר שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר שׁוֹין אָפְּגֶעדְרוּקְט פִינְף אוּן אַכְצִיג טוֹיזְנְט סְפָרִים בְּמֶשֶׁךְ אֵיין יָאר.

מִיר דַארְפְן אַלֶע עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָּצָה, מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג, מְחִיגֵּר) מִיר זָאלְן אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער, אוּן מְקַיֵּים זַיין דִי צַוָואָה פוּן רֶבִּי נָתָן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אַייעֶר עוֹבְדָא זָאל זַיין יָפוּצוּ מַעְיְנוֹתֶיךָ חוּצָה".

ווארויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז עוֹסֵק אִין בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ, עֶר פַארְשְׁפְּרֵייט דִי סְפָרִים, עֶר פַארְשְׁפְּרֵייט דִי דִיבּוּרִים פַאר אַלֶעמֶען; דֶער הָאט אַ חֵלֶק אִין דִי גְאוּלָה, אִין בִּיאַת מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ דֶערְמַאנֶען מַיין מַאן פָּשׁוּט'ע הֲלָכוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם גוּט חֲתוּנָה גֶעהַאט, מַיין מַאן אִיז זֵייעֶר אַ וואוֹילֶער, עֶס אִיז אָבֶּער דָא זַאכְן אוֹיף וָואס אִיךְ דַארְף הִילְף.

מַיין מַאן'ס מִשְׁפָּחָה פִירְט זִיךְ אַנְדֶערְשׁ וִוי מַיין מִשְׁפָּחָה, בַּיי זֵיי אִיז דָא אֵיין זַאךְ, מֶען קוּקְט נָאר אוֹיבּ מֶען אִיז אַ חַאנְיָאק, דָאס אִיז בַּיי זֵיי דִי גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט. וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ ווִיכְטִיגֶע הֲלָכוֹת, צוּם בֵּיישְׁפִּיל הִלְכוֹת שַׁבָּת אוּן הִלְכוֹת בְּרָכוֹת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אִיז מֶען נִישְׁט אַזוֹי אוֹיסְגֶעקָאכְט אִין דֶעם.

מַיין מִשְׁפָּחָה אִיז יָא זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט הֲלָכוֹת, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַ פְּרָאבְּלֶעם בַּיי אוּנְז. אִיךְ קֶען אַסַאךְ מֶער הֲלָכוֹת וִוי מַיין מַאן, וַוייל אַזוֹי בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעוואקְסְן, אוּן וֶוען אִיךְ זָאג מַיין מַאן אַן הֲלָכָה וֶוערְט עֶר זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן ווֵיי גֶעטוּן פוּן דֶעם, עֶר מֵיינְט אַז אִיךְ הָאבּ אִים נָאר לִיבּ וֶוען עֶר אִיז פֶּערְפֶעקְט.

דִי שְׁרֶעק אִין זַיינֶע אוֹיגְן וֶוען עֶר מַאכְט אַ טָעוּת בְּרֶענְגְט מִיר צוּ וֵויינֶען אַסַאךְ מָאל, אִיךְ זָאג אִים כְּסֵדֶר וִוי חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר עֶר אִיז בַּיי מִיר, אֲפִילוּ עֶר אִיז נִישְׁט פֶּערְפֶעקְט, אָבֶּער אִיךְ זֶע נִישְׁט עֶס זָאל הֶעלְפְן.

טוּ אִיךְ רִיכְטִיג וֶוען אִיךְ דֶערְמַאן אִים פָּשׁוּט'ע הִלְכוֹת שַׁבָּת אָדֶער וֶועלְכֶע בְּרָכוֹת מֶען מַאכְט אוֹיף עֶסְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג אִיר זָאלְט זַיין אָפְּן מִיט אַייעֶר מַאן, דָאס אִיז פוּן דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאכְן אִין שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען זָאל זַיין אָפְּן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן, זָאגְן אַלֶעס וָואס מֶען שְׁפִּירְט פוּנֶעם צְוֵוייטְן, דָאס מַאכְט מֶען זָאל לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

פְרֶעגְט אַייעֶר מַאן ווי אַזוֹי אִיר זָאלְט טוּן וֶוען אִיר זֶעט אַז עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט ווי דִי הֲלָכָה. פְרֶעגְט אִים שֵׁיינֶערְהֵייט אוֹיבּ עֶס שְׁטֶערְט אִים וֶוען אִיר זָאגְט אִים אַן הֲלָכָה, זָאגְט אִים אַז אִיר ווילְט נִישְׁט זַיין קַיין פָּאלִיצְיאַנְט, גֶעבְּט אִים צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז אִיר קוּקְט אִים נִישְׁט אַרָאפּ וֶוען עֶר טוּט נִישְׁט ווי אַזוֹי מֶען דַארְף טוּן, אִיר פַארְשְׁטֵייט אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּבּ קַיין הֲלָכוֹת, בַּיי זֵיי אִיז גֶעוֶוען נָאר אֵיין זַאךְ, ווי מֶער חַאנְיָאקִישׁ - אַלְץ מֶער אִיז מֶען אַ אִיד; שְׁמוּעֶסְט אוֹיס מִיט אִים דִי גַאנְצֶע זַאךְ, אַז מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ דוּרְךְ שֵׁיינֶערְהֵייט וֶוערְט שְׁטֶערְקֶער דִי גַאנְצֶע שָׁלוֹם בַּיִת.

דֶער אֱמֶת אִיז, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ ווי אַזוֹי מֶען זָאגְט דָאס; זָאגְן פַאר דִי מַאן וֶוען עֶר טוּט אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי הֲלָכָה אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אָבֶּער ווי אַזוֹי מֶען זָאגְט עֶס. וֶוען מֶען בַּאמֶערְקְט אַ צְוֵוייטְן אוֹיף זַיין אוֹיפְפִירוּנְג קֶען דָאס צוּגֵיין אִין אַ וֶועג פוּן קְרִיטִיקִירְן, פוּן שַׁאפְן אוֹיף יֶענֶעם, אוּנְטֶערְרַייסְן יֶענֶעם; צוּם בֵּיישְׁפִּיל: "וָואס טוּסְטוּ?" "וָואס מַאכְסְטוּ?" "מֶען טָאר נִישְׁט!" "שֶׁעם זִיךְ!" אוּן עֶס קֶען צוּגֵיין אִין אַ גוּטֶע וֶועג, אַ וֶועג פוּן דֶערְמַאנֶען יֶענֶעם, לֶערְנֶען יֶענֶעם, הֵייבְּן יֶענֶעם; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, מֶען זָאגְט: "אִיךְ מֵיין דִי הֲלָכָה אִיז אַזוֹי", "אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אַז מֶען מַאכְט אַזוֹי", "שַׁבָּת מַאכְט מֶען נִישְׁט אַזוֹי", "עֶס אִיז אַ שְׁאֵלָה אוֹיבּ מֶען מֶעג אַזוֹי מַאכְן"; דָאס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ ווי וֶוען מֶען שַׁאפְט אוֹיף יֶענֶעם.

אוֹיבּ אִיר זָאגְט אִים אִין אַ וֶועג פוּן לֶערְנֶען, אִין אַ וֶועג פוּן זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיסְן אוֹיף אִים - וֶועט עֶר זִיכֶער וֶועלְן אִיר זָאלְט אִים וַוייטֶער זָאגְן, אִים לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג אִיךְ מְנַדֵּב זַיין פַאר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, אִין דִי צַייט וָואס אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג חוֹבוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן; אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ חוֹבוֹת, אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג גֶעלְט פַאר מֶענְטְשְׁן - מֶעג אִיךְ גֶעבְּן גֶעלְט צוּ דְרוּקְן "אֲשֶׁר בַּנַּחַל"? אוּן אוֹיבּ יָא, דַארְף מֶען גֶעבְּן פַאר אַ גַאנְצֶע סֵפֶר, אָדֶער אִיז גֶענוּג צוּ גֶעבְּן אַ חֵלֶק?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קֶענְסְט פְרֶעגְן נָאךְ שְׁטֶערְקֶער; אוֹיבּ אֵיינֶער וִויל מְנַדֵּב זַיין גֶעלְט פַאר אֲשֶׁר בַּנַּחַל אוֹיבּ עֶר מֶעג גֵיין אַיינְבְּרֶעכְן אִין אַ הוֹיז גַנְבְ'נֶען גֶעלְט צוּ קֶענֶען דְרוּקְן אֲשֶׁר בַּנַּחַל, אָדֶער גֵיין שְׁטִילֶערְהֵייט אַרוֹיסְנֶעמֶען גֶעלְט פוּן אֵיינֶעמְס טַאשׁ צוּ קֶענֶען דְרוּקְן אֲשֶׁר בַּנַּחַל; וָואס טְרַאכְסְטוּ, וָואס וָואלְסְטוּ גֶעזָאגְט, מֶען מֶעג? אִיז דָאס בִּכְלָל אַ שְׁאֵלָה?! אַוַדַאי טָאר מֶען נִישְׁט! מֶען טָאר נִישְׁט גַנְבְ'נֶען אֲפִילוּ מֶען וִויל טוּן מִצְוֹת, דָאס אִיז אַ מִצְוָה הַבָּאָה בַּעֲבֵירָה.

אַזוֹי אִיז וֶוען אֵיינֶער אִיז שׁוּלְדִיג גֶעלְט פַאר אַנְדֶערֶע, יֶעדֶע פְּרוּטָה וָואס עֶר הָאט דַארְף עֶר קוֹדֶם צוּרִיקְצָאלְן פַאר זַיינֶע בַּעֲלֵי חוֹבוֹת; עֶר טָאר אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעבְּן קַיין מַעֲשֵׂר, דִי מַעֲשֵׂר גֶעהֶערְט פַאר דִי בַּעֲלֵי חוֹבוֹת.

אַז דוּ הָאסְט אַ גֶעפִיל אִין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל זָאלְסְטוּ טוּן וָואס מוֹהֲרַא״שׁ חַזֶר'ט טוֹיזְנְטֶער מָאל אִין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, מֶען זָאל בַּאצָאלְן חוֹבוֹת; אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט זָאל מֶען גֵיין צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי חוֹבוֹת, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה צַאמְצוּנֶעמֶען גֶעלְט וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט צוּ בַּאצָאלְן, אַ בּוּשָׁה אִיז בָּארְגְן אָן קַיין חֶשְׁבּוֹן, זַיין שׁוּלְדִיג חוֹבוֹת - דָאס אִיז אַ חֶרְפָּה אוּן בּוּשָׁה; אַ בּוּשָׁה אִיז וֶוען מֶען קוּמְט גֶעלְט פַאר בַּעֲלֵי חוֹבוֹת אוּן מֶען גֶעבְּט צְדָקָה, מֶען הַאלְט זִיךְ וִוי אַ שֵׁיינֶער אִיד, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע בּוּשָׁה.

עֶס אִיז ווִיכְטִיג צוּ בַּאמֶערְקְן אַז וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן חוֹבוֹת מֵיינְט דָאס נִישְׁט אַ מָארְטְגִידְזְשׁ, אַז מֶען הָאט אַ מָארְטְגִידְזְשׁ (מַשְׁכַּנְתָּא); דָאס אִיז אַזוֹי ווִי רֶענְט, דָאס צָאלְט מֶען צוּבִּיסְלִיךְ יֶעדֶע חוֹדֶשׁ, אַזוֹי אוֹיךְ אַז מֶען הָאט גֶעבָּארְגְט פוּן גְמַ"ח אוּן עֶס גֵייט אַרָאפּ חוֹדֶשׁ'לִיךְ פוּנֶעם בַּאנְק אַקַאוּנְט, דָאס אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ; מֶען רֶעדְט פוּן חוֹבוֹת, פוּן זַיין שׁוּלְדִיג פַּאר מֶענְטְשְׁן, עֶס אִיז שׁוֹין לַאנְג אַרִיבֶּער דֶער זְמַן הַפֵּרָעוֹן אוּן אַנְשְׁטָאט בַּאצָאלְן גֶעבְּט מֶען צְדָקוֹת, דָאס אִיז גְנֵיבָה וּגְזֵילָה.

אַז דוּ בִּיסְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, דַיין חַיוּת אִיז דֶער רֶבִּי, דַיין וֶועג ווַייזֶער אִיז דֶער רֶבִּי - זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן יֶעצְט מֶער נִישְׁט צוּ בָּארְגְן אוּן שׁוֹין מַאכְן אַ פְּלַאן ווִי אַזוֹי צוּ בַּאצָאלְן דִי אַלְטֶע חוֹבוֹת, ווַייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן מו): "מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב, יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב", וֶוער עֶס ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זַיין קַיין בַּעַל חוֹב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### בִּין אִיךְ מְחוּיָב צוּ גֵיין צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערן אוֹיף שַׁבָּת?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַזוֹי לִיבּ צוּ גֵיין צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן בִּכְלַל, אוּן סְפֶּעצִיעֶל נִישְׁט אוֹיף שַׁבָּת, אִיךְ קוּם זִיךְ נִישְׁט אוֹיס מִיט זֵיי, אוּן שַׁבָּת אִיז דָארְט דִי אַטְמָאסְפֶער מַמָּשׁ ווִי תִּשְׁעָה בְּאָב. ווִידֶער בַּיי מַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער אִיז זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ דָארְט צוּ זַיין.

יֶעדְן דָאנֶערְשְׁטָאג דַארְף אִיךְ זִיךְ פְּרִישׁ בְּרֶעכְן קָאפּ צוּ זוּכְן תֵּירוּצִים זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן צוּ גֵיין צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אוֹיךְ אַז מַיין מַאמֶע לַאדְנְט אוּנְז אוֹיף שַׁבָּת נָאר ווַייל זִי טְרַאכְט וָואס מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זָאגְן אוֹיבּ מִיר וֶועלְן נִישְׁט קוּמֶען, אוּן וָואס וֶועט אִיר שְׁנוּר טְרַאכְטְן, אוּן אַזוֹי ווַייטֶער, נִישְׁט ווַייל זִי וַוארְט טַאקֶע אוֹיף אוּנְז.

אַלְנְפַאלְס, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַּאר מַיין ווַייבּ אַז אִיךְ ווִיל נִישְׁט גֵיין צוּ זֵיי, אוּן אִיךְ בִּין

נִישְׁט מְחוּיָב צוּ גֵיין צוּ זֵיי, זִי טַעֲנָה'ט אָבֶער אַז מִיר דַארְפְן זֵיי מְכַבֵּד זַיין אוּן יָא גֵיין, נִישְׁט אַלְץ דַארְף מֶען טוּן וָואס עֶס אִיז גֶעשְׁמַאק, מֶען דַארְף טוּן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר זָאגְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וָואס צוּ טוּן, וַוייל אִיךְ טְרַאכְט אוֹיךְ אַז זִי אִיז גֶערֶעכְט, אָבֶער יֶעדֶער מָאל אִיךְ קוּם צוּרִיק פוּן דָארְט, בְּלַייבּ אִיךְ מִיט אַ שְׁלֶעכְטְן טַעַם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ה' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַיין וַוייבּ אִיז גֶערֶעכְט, מֶען טוּט נִישְׁט וָואס מֶען ווִיל אוּן וָואס מֶען הָאט לִיבּ, מֶען טוּט וָואס מֶען דַארְף צוּ טוּן; אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן ווִילְן דוּ זָאלְסְטוּ קוּמֶען - זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ זֵיי, אוּן אַז דִי לוּפְט דָארְט אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ - זָאלְסְטוּ עֶס פְרֵיילִיךְ מַאכְן, זָאלְסְט זִינְגֶען שֵׁיינֶע זְמִירוֹת אוּן דֶערְצֵיילְן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת מִיט שֵׁיינֶע תּוֹרוֹת אוֹיף דִי פַּרְשָׁה.

נֶעם דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אוּן טוּ עֶס אָן מִיט אַנְדֶערֶע קְלֵיידֶער; דָאס הֵייסְט, דוּ קֶענְסְט עֶס נָאכְזָאגְן אִין נָאמֶען פוּן 'צַדִּיקִים', אִין נָאמֶען פוּן 'סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים', דַארְפְסְט נִישְׁט זָאגְן אַז דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב; וֶועסְטוּ זֵיי אוֹיפְלֶעבְן אוּן הָאבְן דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן טַאטֶע מַאמֶע.

נֶעם אָן דַיין וַוייבּ'ס וֶוערְטֶער; מֶען טוּט נִישְׁט וָואס מֶען ווִיל אוּן וָואס מֶען הָאט לִיבּ, מֶען טוּט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט, וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט. דִי תּוֹרָה זָאגְט (שְׁמוֹת כ, יא): "כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ", זַיי מְכַבֵּד דַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע; דַארְף מֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פַאר דִי מִצְוָה, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן.

עֶרְלִיכֶע אִידְן, אֵיידֶער זֵיי גֵייעֶן צוּ זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן בֶּעפָאר זֵיי רוּפְן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זָאגְן זֵיי: **"הֲרֵינִי מוּכָן וּמְזוּמָּן לְקַיֵּם מִצְוַת עֲשֵׂה שֶׁל כִּיבּוּד אָב וָאֵם כַּכָּתוּב בַּתּוֹרָה, לְשֵׁם יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ, לַעֲשׂוֹת נַחַת**

**רוּחַ לְהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ", אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט** (צֶעטְל קָטָן, אוֹת ד)**: "בְּכָל הַדְּבָרִים שֶׁבָּעוֹלָם, הֵן בַּתּוֹרָה, הֵן בִּתְפִלָּה, הֵן בְּמִצְוֹת מַעֲשִׂיּוֹת, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לוֹמַר בָּזֶה הַלָּשׁוֹן", אֵיידֶער מֶען טוּט אַ מִצְוָה, סַיי פַאר'ן לֶערְנֶען, סַיי פַאר'ן דַאוֶוענֶען אָדֶער אַנְדֶערֶע מִצְוֹת, זָאל מֶען זָאגְן: "הֲרֵינִי עוֹשֶׂה זֹאת", אִיךְ גֵיי יֶעצְט טוּן דִי מִצְוָה מִיט אֵיין כַּוָּנָה: "לְשֵׁם יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ", אִיךְ זָאל וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דִי מִצְוָה וָואס אִיךְ טוּ, "לַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לְהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ", צוּ טוּן אַ נַחַת רוּחַ פַאר'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער. אֲפִילוּ אִין אָנְהֵייבּ שְׁפִּירְט מֶען נִישְׁט קַיין טַעַם וֶוען מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער, דָאךְ זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּבְהֶמְשֵׁךְ הַזְּמַן יַרְגִּישׁ הֶאָרָה גְּדוֹלָה בְּאֲמִירָה זוּ", מִיט דִי צַייט וֶועט מֶען שְׁפִּירְן אַ גְרוֹיסֶע לִיכְטִיגְקֵייט בַּיים זָאגְן דִי וֶוערְטֶער.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

**זָאל אִיךְ מַאכְן אַן אָפֶּערַאצְיֶע צוּ פַארְלִירְן וָואג?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ לַייד פוּן הוֹיךְ צוּקֶער אוּן הוֹיךְ קָאלֶעסְטֶערָאל, אוּן דָאס קוּמְט פוּן זַיין שְׁטַארְק אִיבֶּערְוָואגִיג. אִין דִי פַארְגַאנְגֶענְהֵייט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אוֹיף אַסַאךְ וֶועגְן צוּ פַארְלִירְן וָואג, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעצָאלְט אַסַאךְ גֶעלְט אוֹיף דֶעם, אָבֶער עֶס הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעהַאלְטְן.

דִי דָאקְטוֹרִים הַאלְטְן אַז מֶען זָאל מִיר מַאכְן אַן אָפֶּערַאצְיֶע צוּ פַארְקְלֶענֶערְן דֶעם מָאגְן, אַ "סְלִיוְו", אוּן אִיךְ טְרַאכְט אַז דָאס וֶועט מִיר יָא הֶעלְפְן.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט וֶועגְן דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ה׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וֶוען מֶען פְלֶעגְט פְרֶעגְן מוֹהֲרַא״ש אוֹיבּ מֶען זָאל מַאכְן דִי סְלִיְוו פְלֶעגְט מוֹהֲרַא״ש נִישְׁט צוּרֶעדְן צוּ דֶעם, מוֹהֲרַא״ש הָאט גֶעהַאלְטְן אַז ווִילַאנְג מֶען קֶען אוֹיסְמַיידְן דֶעם מֶעסֶער – זָאל מֶען דָאס אוֹיסְמַיידְן אוּן זִיכֶער נִישְׁט גֵיין לְכַתְּחִילָה זִיךְ שְׁנַיידְן. מוֹהֲרַא״ש זָאגְט אַז מִיט אַ שְׁטַארְקֶע ווִילְן קֶען מֶען אָפְּפַאלְן פוּנְט אָן זִיךְ שְׁנַיידְן, מִיט אַ שְׁטַארְקֶע רָצוֹן קֶען מֶען דָאס בַּאוַוייזְן.**

**אָבֶּער אַז דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן אַז עֶס אִיז אַ סַכָּנָה צוּ בְּלַייבְּן אַזוֹי, בִּפְרַט אַז דוּ לַיידְסְט פוּן הוֹיךְ צוּקֶער, וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, אוּן זֵיי זָאגְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ סְלִיְון – זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ גָאר אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיךְ הִיטְן דוּ זָאלְסְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.**

**בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; תְּפִלָּה אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק, מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס טוֹישְׁן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

## ווִי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ צוּ גֶעבְּן גוּטֶע ווֶערְטֶער פַאר מַיין ווַייבּ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט דַארְף אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיר מְחַזֵק טָאג טֶעגְלִיךְ, אִין זְכוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לֶערְן אִיךְ יֶעדְן טָאג גְמָרָא אוּן מִשְׁנַיוֹת, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ לֵיידֶער נִישְׁט אַזַא גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גוּטֶע חָתָן מַדְרִיךְ, וָואס הָאט מִיר נִישְׁט רִיכְטִיג אוֹיסְגֶעלֶערְנְט ווִי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען מִיט אַ

ווייב.

איך האב נאך אין אנהויב געשפירט אז איך האב נישט באקומען קיין ריכטיגע הדרכה, און נאך ביז היינט איז מיר שווער ווי קריעת ים סוף צו זאגן פאר מיין ווייב א פשוט'ע גוט ווארט, ווי למשל "איך האב דיר ליב", און אזוי ווייטער. איך ווייס אליין נישט פארוואס, אבער די ווערטער קענען ממש נישט ארויסקומען פון מיין מויל.

איך האף דער ראש ישיבה שליט"א וועט מיר קענען געבן אן עצה וואס צו טון.

ביטע נישט לייגן די שאלה אין "עצתו אמונה".

יישר כח

**תשובה:**

**בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת חקת, ה' תמוז, שנת תשפ"א לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

די זאך אז עס איז דיר שווער צו געבן גוטע ווערטער אין שטוב, דו קענסט נישט ארויסרעדן פון מויל פשוט'ע ווערטער צו דיין ווייב - דאס איז נישט דער פראבלעם פון דיין חתן מדריך, מען דארף נישט קיין חתן מדריך צו וויסן אז מען דארף געבן גוטע ווערטער פאר די ווייב, דאס איז א שכל'דיגע זאך צו געבן גוטע ווערטער פאר די ווייב, צום ביישפיל: "איך האב דיר ליב", "ביסט אזוי שיין", "ביסט מיין לעבן", וכדומה לזה.

אז דו ווילסט קענען רעדן צו דיין ווייב, דו ווילסט איר קענען געבן גוטע ווערטער - זאלסטו נעמען די עצה פון התבודדות. געוואוין זיך צו צו רעדן צום אייבערשטן, דערציילן אים אלעס וואס ליגט אויף דיין הארץ; אז דו וועסט רעדן צום אייבערשטן וועסטו קענען רעדן צו מענטשן, רעדן צום אייבערשטן געבט זעלבסטזיכערקייט, עס העלפט אז דער מענטש זאל זיך קענען עפענען.

דער הייליגער רבי נתן דערציילט (שיחות הר"ן, סימן רלב) עס איז געווען איינער פון אנשי שלומינו וואס פלעגט קומען אסאך צום רבי'ן, ער האט געהאט זאכן וואס ער האט געוואלט רעדן מיט'ן רבי'ן, אבער ער האט זיך נישט

גֶעקֶענְט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל צוּ רֶעדְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן וָואס לִיגְט אִים אַלְץ אוֹיפְ'ן הַארְץ, בִּיז אֵיין מָאל אִיז אִים אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ בַּאדִינֶען דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט 'יֶעצְט וֶועל אִיךְ רֶעדְן, אִיךְ וֶועל אַלֶעס דֶערְצֵיילְן דֶעם רֶבִּי'ן', אָבֶער דִי מוֹיל הָאט זִיךְ אִים נִישְׁט גֶעעֶפְנְט. דֶער רֶבִּי אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים פוּן זִיךְ וַואשְׁן לְכָבוֹד שַׁבָּת, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים גֶעבְּן דִי שִׂיךְ אָנְצוּטוּן, פְּלוּצְלוּנְג רוּפְט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָן (פוּן זִיךְ אַלֵיינְס): "גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ קֶענֶען רֶעדְן מִיט מִיר".

פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת? דִי עֵצָה אִיז אַן עֵצָה פַאר אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען; וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער, יֶעדֶע שְׁוֶוערֶע זַאךְ – רֶעדְט מֶען אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן, אַזוֹי וִוי אַן אָרֶעמַאן בֶּעט זִיךְ מֶען זָאל אִים הֶעלְפְן.

אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם פְּרַט טָאג נָאךְ טָאג, וֶועסְטוּ זֶען אַז אַלֶעס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה.

אִיךְ לֵייג יָא אַרַיין דִי שְׁאֵלָה אִין סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פַארְוָואס זָאלְן נִישְׁט נָאךְ מֶענְטְשְׁן מִיטְ'ן זֶעלְבְּן פְּרָאבְּלֶעם הָאבְּן אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם? זֵייעֶר אַסַאךְ וָואס שְׁרַייבְּן זֵייעֶרֶע שְׁאֵלוֹת בֶּעטְן מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיין לֵייגְן זֵייעֶר שְׁאֵלָה אוּן תְּשׁוּבָה אִין סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; אוֹיב אִיז דָאס אַ שְׁאֵלָה אוּן תְּשׁוּבָה וָואס אַנְדֶערֶע קֶענֶען הֲנָאָה הָאבְּן אוּן נֶעמֶען חִיזוּק, נֶעם אִיךְ אַרוֹיס דִי פְּרָטִים פוּן דִי שְׁאֵלָה אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט כַאפְּן פוּן וֶועם מֶען רֶעדְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מֶען נֶעמְט נִישְׁט אָן מַיינֶע קִינְדֶער ווייל אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר,**
**וָואס טוּ אִיךְ?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

איך האב געזען א בְּריוו [דער בְּריוו איז בּייגעלייגט צום סוף פון דעם בְּריוו] וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן אז איידער מען ציט זיך אריבער צו א צווייטע שטאט, דארף מען די ערשטע זאך זען צו האבן דארט מוסדות פאר די קינדער.

איך פלאן יעצט זיך אריבערצוציען קיין ..., איך האב פרובירט איינצושרייבן די קינדער ביי די מוסדות דארט, אבער זיי ווילן בשום אופן נישט אננעמען מיינע קינדער, זיי זאגן מיר קלאר און אפן אז זיי ווילן נישט אריינגעמען קיין ברסלב'ע.

דער מנהל האט מיר געזאגט איך זאל עס נישט נעמען פערזענליך, ווייל ער האט באקומען די באפעל פונעם ארטיגן אדמו"ר אז מען זאל נישט אננעמען קיין ברסלב'ער. האב איך אים דערציילט די מעשה איבער א איד וואס איז ארויפגעקומען צום בית דין של מעלה און גע'טענה'ט אז ער איז א איד און ער דארף באקומען שכר, האט מען אים געפרעגט מיט וואס ער איז געווען א איד, ער האט דאך ליידער נישט געהיטן קיין שבת, און נישט געטון קיין שום מצוות, האט ער צוריק געזאגט: "סטאלין ימח שמו האט דאך גע'הרג'ט פילע אידן, און ער האט מיר געזאגט אז איך בין אויך א איד און דערפאר האט ער מיר גע'הרג'ט, קומט אויס אז איך בין יא א איד". האב איך געזאגט פאר דעם מנהל אז ווען איך וועל ארויפקומען אין הימל און זאגן אז איך בין א ברסלב'ער, און מען וועט מיר נישט גלייבן ווייל איך האב נישט געטון אלעס וואס דער רבי האט געהייסן, וועל איך זאגן אז מען האט נישט אנגענומען מיינע קינדער אין מוסדות ווייל איך בין א ברסלב'ער.

די שאלה איז, ווי אזוי איך גיי דא ווייטער; זאל איך אליין אריינגיין צום אדמו"ר און זיך בעטן ביי אים מען זאל אננעמען מיינע קינדער?

יישר כח

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת חֻקַּת, ה' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**שְׁוֶוער צוּ טְרַאכְטְן אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען פּוֹעֵל'ן בַּיי דֶעם אַדְמוֹ"ר מֶען זָאל אָנְנֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער, דוּ קֶענְסְט פְּרוּבִּירְן.**

**אִיךְ טְרַאכְט אַן אַנְדֶערֶע עֵצָה, אֶפְשָׁר אִיז צַייט דוּ זָאלְסְט עֶפֶענֶען אַ מוֹסָד וואוּ מֶען וֶועט אָנְנֶעמֶען אַלֶע קִינְדֶער; וָואס מֵיינְסְטוּ, וִוי אַזוֹי הָאבְּן מִיר**

גֶעעֶפְנְט מוֹסְדוֹת אִין אַמֶערִיקֶע - אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חֵדֶר, אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳עֶר סְקוּל? הַיינְט הָאבְּן מִיר שׁוֹין אִין דְרֵיי שְׁטֶעט מוֹסְדוֹת, וְוי אַזוֹי הָאבְּן מִיר דָאס גֶעעֶפְנְט? נָאר צוּלִיבּ אַזַא מַעֲשֶׂה וָואס דוּ הָאסְט, מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן מַיינֶע אִינְגְלֶעךְ פוּן דִי מוֹסָד וואוּ זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט, הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט אַ חֵדֶר, צְוֵויי יָאר שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן מֵיידְלֶעךְ פוּן זֵייעֶר סְקוּל ווַייל זֵיי הָאבְּן בְּרִידֶערְס וָואס לֶערְנֶען בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה, הָאט מוֹהֲרָא״ש גֶעזָאגְט עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט צוּ עֶפֶענֶען אַ סְקוּל [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו]; מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי חֵדֶר מִיט גֶעצֵיילְטֶע קִינְדֶער, אוֹיךְ דִי סְקוּל הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט מִיט גֶעצֵיילְטֶע קִינְדֶער אוּן הַיינְט אִיז דָא הוּנְדֶערְטֶער קִינְדֶער כֵּן יִרְבּוּ.

צוּ עֶפֶענֶען מוֹסְדוֹת דַארְף מֶען נִישְׁט קַיין גֶעלְט, מֶען דַארְף נִישְׁט גָארְנִישְׁט, מֶען דַארְף נָאר אַ שְׁטַארְקֶע ווִילְן, עֶרְלִיכֶע מְלַמְדִים אוּן עֶרְלִיכֶע טִיטְשֶׁערְס. מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין חֲכָמִים אוּן נְבוֹנִים, מִיר פִירְן דִי מוֹסָד אָן קַיין חֲכָמִים וּנְבוֹנִים, מִיר גֵייעֶן נִישְׁט מִיט דִי נֵייעֶ וֶועגְן וָואס כַאפְּט זִיךְ אַרַיין פוּן דִי פֶעלְקֶער, מִיר גֵייעֶן נָאךְ דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִיקִים, אַזוֹי וְוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (שִׁיר הַשִּׁירִים א, ח): "אִם לֹא תֵדְעִי לָךְ הַיָּפָה בַּנָּשִׁים צְאִי לָךְ בְּעִקְבֵי הַצֹּאן", גֵיי נָאךְ דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת, "וּרְעִי אֶת גְּדִיֹּתַיִךְ עַל מִשְׁכְּנוֹת הָרֹעִים", פַּאשֶׁע דִי שָׁאף אַזוֹי וְוי זֵיי הָאבְּן גֶעפַּאשֶׁעט, מַאךְ נִישְׁט קַיין נֵייעֶ זַאכְן.

מוֹהֲרָא״ש שְׁרַייבְּט מִיר אִין דִי בְּרִיוו: "אִיךְ זֶע אַ רֶמֶז פוּן הִימְל אַז מִיר דַארְפְן עֶפֶענֶען פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ"; טְרַאכְט אִיבֶּער, אֶפְשָׁר אִיז דָאס אַ רֶמֶז פַאר אוּנְז אַז מִיר זָאלְן עֶפֶענֶען אֵייגֶענֶע מוֹסְדוֹת, מִיר וֶועלְן קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער אַזוֹי וְוי מוֹהֲרָא״ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְפְסְטוּ הָאבְּן אַ מוֹסָד פַאר דַיינֶע קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת שְׁלַח, י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְעֶר ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז דוּ בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען קוּקְן אַ דִירָה אִין ...., דוּ ווִילְסְט זִיךְ אַהִין צִיעֶן, דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דָארְט וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער צוּ צָאלְן דִירָה גֶעלְט, דָארְט אִיז בִּילִיגֶער ווִי אִין שְׁטָאט.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ אַהִין צִיעֶן, אָבֶּער דוּ דַארְפְסְט קוֹדֶם מְבַרֵר זַיין אוֹיבּ דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ מוֹסָד פַאר דַיינֶע קִינְדֶער.

דִי תּוֹרָה זָאגְט, וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּ גֵיין קַיין מִצְרַיִם, הָאט עֶר קוֹדֶם גֶעשִׁיקְט אֵיינֶע פוּן זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אָנְגְרֵייטְן אַ מוֹסָד פַאר אַלֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ. "וְאֶת יְהוּדָה שָׁלַח לְפָנָיו (בְּרֵאשִׁית מו, כח)", זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (מִדְרָשׁ אַגָּדָה): "לְתַקֵּן לוֹ בֵּית תַּלְמוּד"; אָנְגְרֵייטְן מוֹסְדוֹת פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער. דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז דִי וֶועג ווִי אַזוֹי אַ אִיד צִיט זִיךְ אַרִיבֶּער פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּ אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ, דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ קוּקְט מֶען אוֹיבּ מֶען וֶועט הָאבְּן אַ מוֹסָד פַאר דִי קִינְדֶער.

דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ קוּקְט מֶען אוֹיבּ מֶען וֶועט הָאבְּן אַ רָב, אַ דַיָּין, אָן עֶרְלִיכֶער אִיד - וָואס וֶועט מְחַזֵק זַיין אוֹיף עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; אַ שׁוּל, אַ מִקְוֶה אוּן נָאכְדֶעם קוּקְט מֶען אוֹיף גֶעלְט.

זָאלְסְטוּ לְמַעַן הַשֵּׁם קוֹדֶם מְבַרֵר זַיין אוֹיבּ אַן עֶרְלִיכֶע מוֹסָד אִיז גְרֵייט אַריינְצוּנֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, נָאר נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ מַאכְן דַיינֶע פְּלֶענֶער זִיךְ אַהִינְצוּצִיעֶן.

...

דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, יוֹם ב' לְסֵדֶר נֹחַ, כ"ו תִּשְׁרֵי ה'תשע"ב.

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַזוֹי ווִי עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר הַיינְט צְוֵויי עֶלְטֶערְן וָואס זֵיי הָאבְּן טֶעכְטֶער אוּן קֵיינֶער ווִיל זֵיי נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען לֶערְנֶען אִין זֵייעֶר סְקוּל, ווַייל זֵיי זָאגְן זֵייעֶרֶע אִינְגְלֶעךְ לֶערְנֶען אִין אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה, זֶע אִיךְ אַ רֶמֶז פוּן

הימְל אַז מֶען דַארְף אוֹיפְמַאכְן אַ מֵיידְל שׁוּלֶע, הֵן אֱמֶת סְ'אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ הַאלְטְן אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה מִיט אַ גַאנְצֶע סְטֶעף מְלַמְּדִים, אָבֶער אַזוֹי ווִי עֶטְץ הָאטְס גֶעהַאט נִיסִים וְנִפְלָאוֹת אַ גַאנְץ יָאר, הַאלְט אִיךְ זִיכֶער וֶועט אִיר מִיט דִי מֵיידְל שׁוּלֶע אוֹיכֶעט הָאבְן נִיסִים וְנִפְלָאוֹת.

מֶען דַארְף בַּיים אָנְפַאנְג נִישְׁט נֶעמֶען קַיין מְנַהֶלֶת וְכוּ', נָאר אֵיין אָדֶער צְוֵויי פְּרוּוְוֶען וָואס זֵיי זָאלְן זַיין דִי לֶערֶערִינְ'ס, מֶען בַּאצָאלְט זֵיי אַרוּם דְרֵיי הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג דָאלֶער אַ וָואךְ, אוּן זֵיי וֶועלְן לֶערְנֶען מִיט דִי פָּאר מֵיידְלֶעךְ הֲלָכוֹת, אוּן שְׁרַייבְן, אוּן רֶעכֶענֶען, אוּן שְׁפְּרַאךְ, וְכוּ', וְכוּ', אוּן אַזוֹי וֶועט זִיךְ אָנְהֵייבְן דִי מֵיידְל שׁוּלֶע.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רָב זי"ע, בַּעַל "דִבְרֵי יוֹאֵל", הָאט אָנְגֶעהוֹיבְן זַיין מֵיידְל שׁוּלֶע "בֵּית רָחֵל" מִיט צְוֵויי תַּלְמִידוֹת, אוּן עֶס אִיז צוּוַואקְסְן גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶע אִימְפֶּערְיֶע, קָרוֹב צוּ צֶען טוֹיזְנְט מֵיידְלֶעךְ כֵּן יִרְבּוּ, דָאס אִיז מְקוּבָּל פוּן צַדִיקִים אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוּן מִיט אֱמֶת, הָאט הַצְלָחָה, אָבֶער אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט אִינְזִינֶען זִיךְ וְכוּ', יֵשׁוּת וְכוּ', פִּרְסוּם וְכוּ', אִיז צוּם סוֹף פַּאלְט דָאס אַוֶועק אוּן סְ'וֶוערְט בָּטוּל וּמְבוּטָל כְּעַפְרָא דְאַרְעָא, אִיבֶּערְדֶעם וַוייל קַיין שׁוּם מוֹסָד וִויל נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען אוּנְזֶערֶע טֶעכְטֶער, וַוייל זֵייעֶרֶע זִין לֶערְנֶען אִין אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה, זֶע אִיךְ נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה, נָאר אוֹיפְמַאכְן אַ מֵיידְל שׁוּלֶע, מֶען דַארְף אָנְהֵייבְן מִיט קְלֵיינֶעם, נִישְׁט מִיט קַיין גְרוֹיסְן סְטֶעף, וֶועט מֶען הָאבְן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֶען מְבַטֵל זַיין אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זָאלְסְט גוּט גֶעדֶענְקֶען, כָּל זְמַן מֶען הָאט זִיךְ אִינְזִינֶען וְכוּ' וֶוערְט לֶעכֶער פוּן אַלֶע זַייטְן וְכוּ', אוּן עֶס רִינֶען אַרוֹיס דִי הַשְׁפָּעוֹת וְכוּ', אוּן מֶען וֶוערְט פַארְפְּלָאנְטֶערְט אִין אַלֶע עֶרְלֵיי פַּארְפְּלָאנְטֶערְנִישְׁן, אָבֶער וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר וִויל גָארְנִישְׁט נָאר טוּן דֶעם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶער הָאט נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן קַיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דָאס קֶען זַיין דִי כַּוָנָה וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה (בְּרֵאשִׁית ו', ט') "אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ" נֹחַ אִיז

גֶעגַאנְגֶען נָאר מִיט'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם הָאט עֶר נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט.

עֶס הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, פַּאר אִיבֶּער פוּפְצִיג יָאר צוּרִיק, אַ בָּחוּר וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינְמָאל אִין מִירוֹן בַּיים תַּנָא רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, אוּן דֶעמָאלְט אִיז נָאךְ גֶעוֶוען דָארְטְן אַ ווִיסְטֶענִישׁ, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ ווִינְטֶער נַאכְט, אוּן קַיין נֶפֶשׁ חַיָּה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיים צִיוּן, נָאר דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רַבִּי שְׁמוּאֵל הוֹרְוִויץ זי"ע וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶער מֶענְטְשׁ, נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט אוֹיסְגֶעזָאגְט גַאנְץ תְּהִלִים בַּיים צִיוּן פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי הָאט עֶר זִיךְ גֶעוָואנְדֶען צוּ דֶעם בָּחוּר, "קוּם מִיט מִיר אַרוֹיס צְווִישְׁן דִי בֶּערְג זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין", אוּן דֶער בָּחוּר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיסְצוּגֵיין מִיט אִים, עֶס אִיז גֶעוֶוען שְׁטַאק פִינְסְטֶער, אוּן ווִי זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרָאפְּצוּגֵיין צוּ דִי זַייט פוּן דִי מְעָרָה שֶׁל הִלֵל, הָאט דֶער בָּחוּר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, "רַבִּי שְׁמוּאֵל, אִיךְ הָאבּ מוֹרָא וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין", (ווַייל עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פִינְסְטֶער הָאט עֶר מִיךְ דֶערְצֵיילְט, אַז אֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעזֶען דֶעם אַנְדֶערְן, אוּן עֶר הָאט פָּשׁוּט גֶעצִיטֶערְט) הָאט אִים רַבִּי שְׁמוּאֵל גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט דִי וֶוערְטֶער, "מֶען דַארְף זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעבְּן פַּאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דֶעמָאלְט הָאט מֶען פוּן גָארְנִישְׁט קַיין מוֹרָא" (אָבֶּער דֶער בָּחוּר הָאט מִיךְ דֶערְצֵיילְט אַז עֶס הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט אַזַא מִין שְׁרֶעק אַז עֶר אִיז צוּרִיק גֶעלָאפְן צוּם צִיוּן פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, אוּן עֶר אִיז דָארְטְן גֶעבְּלִיבְּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט אוּן גֶעצִיטֶערְט וְכוּ' וְכוּ'.) אוּן רַבִּי שְׁמוּאֵל אִיז זִיךְ אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען צוּם טָאל וְכוּ', אָן קַיין שׁוּם פַּחַד, אוּן פַּארְטָאגְס אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעקוּמֶען, אוּן עֶר הָאט אִים אוֹיסְגֶע'מוּסָר'ט "ווִי קֶען אַ מֶענְטְשׁ מוֹרָא הָאבְּן פוּן חַיוֹת רָעוֹת וְכוּ', אוֹיבּ עֶר אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים"?

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, אוּן עֶר טְרַאכְט נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן נִישְׁט פוּן זִיךְ, דֶעם קֶען קֵיינֶער גָארְנִישְׁט טוּן, אֲפִילוּ אַלֶע חַיוֹת רָעוֹת וָואס זֶענֶען בִּדְמוּת בְּנֵי אָדָם זֶענֶען אִים מְבַזֶה מְחָרֵף וּמְגַדֵף מַאכְט דָאס נִישְׁט אוֹיף אִים אַ רוֹשֶׁם.

אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, בִּיז עֶר וֶוערְט נִכְלָל אִין מְחוּיָב הַמְּצִיאוּת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן נ"ב), דֶעם אִינְטֶערֶעסִירְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט, נִישְׁט קַיין גֶעלְט, נִישְׁט קַיין כָּבוֹד, נִישְׁט קַיין פִּרְסוּם, וְכוּ׳, וְכוּ׳, עֶר וִויל נָאר מְגַלֶּה זַיין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר שַׁיינְט אַרַיין אִין דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הֶערְן אִים צוּ, נָאר אֱמוּנָה אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן לִימוּד הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, בִּפְרַט מִקְרָא מִשְׁנָה גְּמָרָא, וָוארוּם דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער עֲשִׁירוּת פוּן אַ אִיד, וֶוען עֶר אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת ק"כ.) "וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה", שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַּלְמוּד.

אַ אִיד הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן סַאטְמַאר רָב זי"ע, בַּעַל "דִבְרֵי יוֹאֵל", וָואס הֵייסְט אַ רֶבִּי? אוּן וָואס הֵייסְט אַ חָסִיד? הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַ רֶבִּי אִיז דֶער וָואס עֶר לֶערְנְט גְּמָרָא אוּן בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען גְּמָרָא, אוּן אַ חָסִיד אִיז דֶער וָואס אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ מְקַיֵּים צוּ זַיין יֶעדְן סָעִיף פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ.

אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, דוּ זָאלְסְט נָאר רֶעדְן מִיט דִי בָּחוּרִים דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה אוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, עֶס זָאל זַיין שֵׁם שָׁמַיִם שָׁגוּר בְּפִיהֶם, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן מ"ד) אַז דָאס וָואס מֶען רֶעדְט אֱמוּנָה, דָאס אִיז אַלֵיין אֱמוּנָה, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט צוּ אֱמוּנָה, וִוידֶערְאוּם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן ל"ג) עַל יְדֵי אֱמוּנָה, יִסְלַח לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ; אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, אוּן רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה, אִיז אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲווֹנוֹת.

מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן מִיט דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת ל"ג.) בַּעֲוֹן נַבְלוּת פֶּה צָרוֹת רַבּוֹת וּגְזֵירוֹת קָשׁוֹת מִתְחַדְּשׁוֹת וּבַחוּרֵי שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל מֵתִים, יְתוֹמִים וְאַלְמָנוֹת צוֹעֲקִין וְאֵינָן נַעֲנִין; אוּן אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן ד׳) הַמְנַבֵּל פִּיו, אֲפִילוּ חוֹתְמִים עָלָיו גְּזַר דִּין שֶׁל שִׁבְעִים שָׁנָה לְטוֹבָה, הוֹפְכִים עָלָיו לְרָעָה, גַּם מַעֲמִיקִין לוֹ גֵּיהִנּוֹם, גַּם לְהַשּׁוֹמֵעַ וְשׁוֹתֵק; וָוארוּם לֵיידֶער הַיינְט רֶעדְן דִי

בְּנֵי הַנְעוּרִים גֶעמֵיינֶע נִיבּוּל פֶּה וְכוּ׳, און עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דֶעם מַאֲמַר הֶחָכָם "הַלָּשׁוֹן הוּא קוּלְמוֹס הַלֵּב", וָואס אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט, דָאס רֶעדְט עֶר, און אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן א׳) מִי שֶׁמְּדַבֵּר נִיבּוּל פֶּה, בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ חוֹשֵׁב מַחֲשָׁבוֹת אָוֶן.

דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן אַרַיינְצוּפְּרֶעגְלֶען אִין דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה מִשְׁנָיוֹת כְּסִדְרָן, אֲפִילוּ זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט, נָאר זָאגְן, וַוייל דוּרְךְ לִימּוּד און זָאגְן מִשְׁנָיוֹת, וֶוערְט דִי נְשָׁמָה אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, און אַזוֹי אוֹיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ זָאגְן אַסַאךְ דַפִּין גְמָרָא כְּסִדְרָן דַיְקָא, בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט גַאנְץ שַׁ"ס, אוֹיסֶערְדֶעם וָואס מֶען נֶעמְט אַ מַסֶּכְתָּא אוֹיף זִיךְ און מֶען חַזְרְ'ט דָאס אִיבֶּער הוּנְדֶערְט און אֵיין מָאל, וָואס דָאס בְּלַייבְּט נָאכְדֶעם אִין קָאפּ.

אַזוֹי וִוי אִיךְ פָּאר אַוֶועק דֶעם דִינְסְטָאג אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, און אִיךְ וֶועל דָא נִישְׁט זַיין לְכָל הַפָּחוֹת דְרֵיי שַׁבָּתִים וְכוּ׳, און אֶפְשָׁר מֶער וְכוּ׳, זָאלְסְטוּ מִיר בְּלַייבְּן גֶעזוּנְט, און דוּ זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, און עֶס זָאל נִתְרַבֶּה וֶוערְן גְבוּלְךָ בְּתַלְמִידִים.

הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם].

...

### וֶוער אִיז דֶער צַדִּיק הָאֱמֶת?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִין בְּרֶסְלֶב רֶעדְט מֶען אַסַאךְ פוּן אַ צַדִּיק, פוּנֶעם צַדִּיק הָאֱמֶת, דֶער צַדִּיק אִיז דֶער רֹאשׁ בַּיִת, און אַזוֹי וַוייטֶער אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם צַדִּיק. ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיב דִי אַלֶע דִיבּוּרִים גֵייט אַרוֹיף נָאר אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אָדֶער אוֹיךְ אוֹיף זַיינֶע שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע תַּלְמִידִים, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרְנַ"ת זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, און דִי אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן וָואס בְּרֶענְגֶען אַרַיין זַיינֶע לִימּוּדִים אִין דִי וֶועלְט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ו' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת שְׁלוּחִין, הֲלָכָה ה), דֶער צַדִּיק אֱמֶת לָאזְט אִיבֶּער נָאךְ זִיךְ אִין יֶעדְן דוֹר תַּלְמִידִים וָואס זֵיי בְּרֶענְגֶען אַרַיין דִי אֱמוּנָה; אִין יֶעדְן דוֹר אִיז דָא צְווִישְׁן זַיינֶע תַּלְמִידִים אַ רֹאשׁ בַּיִת וָואס עֶר בְּרֶענְגְט אַלֶעמֶען צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט, וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן הָאבְּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעזָאגְט אַז רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה - עֶר אִיז דֶער רֹאשׁ בַּיִת פוּן דֶעם דוֹר, אוּן אַזוֹי גֵייט עֶס אִין יֶעדְן דוֹר, דִי אֱמֶתְ'עֶ תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן וָואס הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶועג - זֵיי זֶענֶען דִי רֹאשׁ בַּיִת פוּנֶעם דוֹר, זֵיי זָארְגְן עֶס זָאל זַיין אַ בַּיִת, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין אַזוֹי וִוי דֶער נָבִיא קְלָאגְט (אֵיכָה ד, א): ״תִּשְׁתַּפֵּכְנָה אַבְנֵי קֹדֶשׁ בְּרֹאשׁ כָּל חוּצוֹת״, עֶס וַואלְגֶערְן זִיךְ הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת אִין דִי גַאסְן, וַוייל אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין רֹאשׁ בַּיִת וְכוּ' - וֶוערְן פַארְפַאלְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אַזוֹי וִוי עֶס פַּאסִירְט אִין אוּנְזֶער דוֹר, אִידִישֶׁע קִינְדֶער בְּנֵי הַנְּעוּרִים גֵייעֶן אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, קֵיינֶער זָארְגְט נִישְׁט פַאר זֵיי.

קוּק אַרַיין אִין דִי תְּפִלָּה וִוי רֶבִּי נָתָן בֶּעט זִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת חֵלֶק ב', תְּפִלָּה לג): **״וְזַכֵּנוּ בְּרַחֲמֶיךָ הָעֲצוּמִים, שֶׁנִּזְכֶּה לֵידַע בֶּאֱמֶת מִי הוּא הָרֹאשׁ בַּיִת שֶׁל הָעוֹלָם עַתָּה, אֲשֶׁר מְקַבֵּל כֹּחַ מֵהַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים הָאֵלֶּה'**, הֶעלְף מִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם מִיט דַיין גְרוֹיס רַחְמָנוּת אִיךְ זָאל וִויסְן וֶוער אִיז דֶער רֹאשׁ בַּיִת אִין דִי הַיינְטִיגֶע צַייטְן, וָואס עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי כֹּחַ פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים״; וַוייל אַז עֶס אִיז דָא אַ רֹאשׁ בַּיִת וֶוערְן אַלֶע דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל עֶר אִיז מְגַלֶּה וּמְפַרְסֵם פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דֶעם צַדִּיק אוּן אַלֶע צִיעֶן זִיךְ צוּם צַדִּיק, עֶס בְּלַייבְּט נִישְׁט פַארְפַאלְן קַיין אֵיין נְשָׁמָה.

ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס הָאט אַ חֵלֶק אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם צַדִּיק אֱמֶת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּארְשְׁפְּרֵייט אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וִוי אַזוֹי שְׁפִּירְט מֶען אַ טַעַם אִין תּוֹרָה, וֶוען מָאוִויס אִיז מִיר גֶעשְׁמַאקֶער?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ קֶען מִיךְ נִישְׁט קָאנְצֶענְטְרִירְן צוּ לֶערְנֶען? אִיךְ הָאבּ אַ חַבְרוּתָא בַּיינַאכְט אָבֶּער מַיין קָאפּ פְּלִיט מִיר אַרוּם.

אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט קַיין הַנָאָה אִין לֶערְנֶען, אִיךְ פִּיל נָאר אַ גֶעשְׁמַאק אִין קוּקְן מָאוִויס אוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. אִיךְ וִויל אוֹיפְהֶערְן וַוייל מַיינֶע קִינְדֶער וֶוערְן שׁוֹין עֶלְטֶער, אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטַארְק מְקַנֵא וֶוען אִיךְ זֶע מֶענְטְשְׁן לֶערְנֶען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ מִיט גֶעשְׁמַאק, אָבֶּער וֶוען אִיךְ זֶעץ זִיךְ לֶערְנֶען אִיז עֶס מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן מַיין קָאפּ פְּלִיט שְׁנֶעל אַוֶועק.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חֻקַת, ו' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לֵיין אִיבֶּער דַיין שְׁאֵלָה, וֶועסְטוּ זֶען אַז אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי שְׁאֵלָה - לִיגְט דִי עֶנְטְפֶער. דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ לֶערְנֶען, דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט קָאנְצֶעטְרִירְן, דַיין קָאפּ פְּלִיט אַוֶועק בַּיים לֶערְנֶען, דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; אַ שׁוּרָה נָאכְדֶעם שְׁרַייבְּסְטוּ אַז דוּ הָאסְט אַ גֶעפִיל אִין קוּקְן מָאוִויס, - דָאס אִיז דִי עֶנְטְפֶער; וַוייל אַז דוּ קוּקְסְט מָאוִויס, דוּ הִיטְסְט נִישְׁט דַיינֶע אוֹיגְן, דוּ קוּקְסְט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן - נוּ, וָואס ווִילְסְטוּ? וָואס טְרַאכְסְטוּ, נָאכְן קוּקְן עֲבֵירוֹת ווִילְסְטוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען? קוּקְן נִיאוּף פַּארְשְׁטָאפְּט דִי הַארְץ אוּן דִי מֹחַ, מֶען

קֶען נִישְׁט שְׁפִּירְן קַיין טַעַם אִין רוּחָנִיּוּת אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן.

אַז דוּ ווילְסְט שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַז דוּ ווילְסְט שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - זָאלְסְטוּ אַוֶועק וַוארְפְן דַיינֶע כֵּלִים אוֹיף וָואס דוּ קוּקְסְט עֲבֵירוֹת. זַיי מְקַיֵים דִי מִצְוָה וָואס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה (דְּבָרִים יב, ג): "וְנִתַּצְתֶּם אֶת מִזְבְּחֹתָם וְשִׁבַּרְתֶּם אֶת מַצֵּבֹתָם, וַאֲשֵׁרֵיהֶם תִּשְׂרְפוּן בָּאֵשׁ, וּפְסִילֵי אֱלֹהֵיהֶם תְּגַדֵּעוּן, וְאִבַּדְתֶּם אֶת שְׁמָם מִן הַמָּקוֹם הַהוּא"; דִי כֵּלִים אִיז אַ שְׁטִיק עֲבוֹדָה זָרָה, גִּלּוּי עֲרָיוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים; צֶעבְּרֶעךְ דִי כֵּלִים, וַוארְף אַוֶועק דִי גֶעטְשֶׁקֶעס אוּן זָאלְסְט זִיךְ אַסַאךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי בִּרְכַּת הַתּוֹרָה: "וְהַעֲרֶב נָא ה' אֱלֹקֵינוּ אֶת דִּבְרֵי תוֹרָתְךָ בְּפִינוּ וּבְפִיּוֹת עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ מִיר זִיס דַיין תּוֹרָה, מַאךְ מִיר גֶעשְׁמַאק דַיין תּוֹרָה, "וְנִהְיֶה אֲנַחְנוּ וְצֶאֱצָאֵינוּ", אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אוּן מַיינֶע קִינְדֶער, "וְצֶאֱצָאֵי צֶאֱצָאֵינוּ", אוּן מַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ, "כֻּלָּנוּ יוֹדְעֵי שְׁמֶךָ וְלוֹמְדֵי תוֹרָתֶךָ לִשְׁמָהּ", אַלֶע זָאלְן מִיר ווִיסְן פוּן דִיר, דִיר דִינֶען אוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן אַהֲבַת עוֹלָם. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (סִידּוּר עֵת רָצוֹן, בִּרְכַּת אַהֲבַת עוֹלָם): "וּצְרִיכִים לִשְׁפֹּךְ דְּמָעוֹת כַּמַּיִם בְּאָמְרוֹ וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ", מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען, גִיסְן טַייכְן טְרֶערְן בַּיי דִי ווֶערְטֶער וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ, "כִּי הַכֹּל תָּלוּי בִּקְדֻשַּׁת הָעֵינַיִם", ווַייל אַלֶעס ווֶענְדְט זִיךְ אִין דִי אוֹיגְן; "כִּי אִם אֵין הָאָדָם נִזְהָר בִּשְׁמִירַת הָעֵינַיִם רַחֲמָנָא לִישְׁזְבָן", אוֹיבּ מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, "וּמִסְתַּכֵּל בִּמְקוֹמוֹת הַמְזֹהָמִים", מֶען קוּקְט אִין שְׁמוּצִיגֶע פְּלֶעצֶער, "עַל יְדֵי זֶה נֶחֱשָׁכוֹת עֵינָיו", ווֶערְט פַארְטוּנְקְלְט דִי אוֹיגְן, "וְאֵינוֹ זוֹכֶה שֶׁיָּאִירוּ עֵינָיו בַּתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", מֶען אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ זֶען דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה, "כִּי מִי שֶׁפּוֹגֵם בְּעֵינָיו, אֵינוֹ זוֹכֶה שֶׁיִּצְטַיֵּר לוֹ הָאוֹר לִבְרָכָה", ווַייל אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן קֶען מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעפִיל אִין דִי תּוֹרָה.

גֵיי אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט הָאבְּן דִי כֹּחוֹת צוּ הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן, בֶּעט אִים אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ דוּ זָאלְסְט שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶערְנֶען, בֶּעט אִים אַזוֹי לַאנְג בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ

שְׁפִּירְן דִי זִיסְקֵייט וָואס לִיגְט אִין דִי תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג אִיךְ הָאבְּן אַ קָאמְפְּיוּטֶער אִינְדֶערְהֵיים זִיךְ צוּ לֶערְנֶען אַ פַּאךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו וָואס הֶעלְפְן מִיר אַזוֹיפִיל אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאב אַ קָאמְפְּיוּטֶער אִינְדֶערְהֵיים, מִיט אַ גוּטֶע פִּילְטֶער, אִיךְ נוּץ דָאס פַאר מַיין אַרְבֶּעט, אוּן יֶעצְט לֶערְן אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ אוֹיף דֶעם אַ קוּרְס פַאר מַיין פַאךְ, אוּן דָאס גֵייט דוּרְכְ'ן אִינְטֶערְנֶעט.

יֶעצְט הָאב אִיךְ גֶעזֶען אַז מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ קָאמְפְּיוּטֶער אִינְדֶערְהֵיים, סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער, אִיז מַיין שְׁאֵלָה וָואס אִיךְ טוּ יֶעצְט, אִיךְ הַאלְט אִינְמִיטְן אַ לַאנְגֶע קוּרְס, וָואס וֶועט זִיךְ עֶנְדִיגְן אִין צְוֵויי יָאר אַרוּם, אוּן אִיךְ לֶערְן דָאס אִין דִי נַאכְט שָׁעוֹת אִינְדֶערְהֵיים, אִיךְ הָאב שׁוֹין אִינְוֶועסְטִירְט אִין דֶעם פַאךְ אַסַאךְ יָארְן אוּן אַסַאךְ גֶעלְט זִיךְ צוּ לֶערְנֶען, אוּן עֶס אִיז מַמָשׁ אַ שָׁאד אִיךְ זָאל עֶס אִיבֶּערְלָאזְן אִינְדֶערְמִיט, אִיךְ הָאב אָבֶּער נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע פְּלַאץ וואוּ זִיךְ דָאס צוּ לֶערְנֶען בַּיינַאכְט אִינְדְרוֹיסְן פוּן מַיין הוֹיז. וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ו׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קֶענְסְט זִיךְ עֶנְדִיגְן לֶערְנֶען דִי פַאךְ בַּיי דִיר אִין שְׁטוּב.

אַז דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ נוּצְן דֶעם קָאמְפְּיוּטֶער נָאר אוֹיף זִיךְ צוּ לֶערְנֶען דִי פַאךְ - וֶועט דִיר נִישְׁט שָׁאטְן; אַז דוּ וֶועסְט דָאס נוּצְן פַאר

אַנְדֶערֶע זַאכְן, קוּקְן אוֹיף דֶעם זַאכְן - דָאס מֵיינְט מוֹהֲרָא"ש אַז עֶס קֶען שָׁאטְן פַאר דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מֶעג אִיךְ נֶעמֶען אַ פְּרוֹי צוּ מַאכְן מִיט מִיר פִיזִיקְל טֶערֶעפִּי?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זִיךְ צֶעבְּרָאכְן מַיין הַאנְט, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס הֵיילְט זִיךְ שׁוֹין אוֹיס, אִיךְ דַארְף אָבֶּער גֵיין יֶעצְט צוּ פִיזִיקְל טֶערֶעפִּי צוּ קֶענֶען אָנְהוֹיבְּן צוּרִיק זִיךְ צוּ בַּאנוּצְן מִיט דֶעם הַאנְט.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז, אִיךְ קֶען הָאבְּן קוֹמֶענְדִיגֶע וָואךְ אַ פְּרוֹי וָואס וֶועט מַאכְן מִיט מִיר דִי פִיזִיקְל טֶערֶעפִּי, אָדֶער דַארְף אִיךְ וַוארְטְן נָאךְ אַ וָואךְ פַאר אַ מַאן; וָואס זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, זָאל אִיךְ וַוארְטְן אַ וָואךְ, אָדֶער עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ו' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וַוארְט נָאךְ אַ וָואךְ צוּ הָאבְּן דִי טֶערֶעפִּי דוּרְךְ אַ מַאן; עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ וַוארְטְן צוּ הָאבְּן אַ מַאן אַלְס אַ טֶערֶעפִּיסְט, דוּ וֶועסְט מֶער הַנָאָה הָאבְּן, דוּ וֶועסְט זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן קָאפּ וֵויי.

רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיד): "אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן, אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֶבִּי ווִיל מִיר עֶפֶּעס זָאגְן, עֶר ווִיל עֶפֶּעס מְגַלֶּה זַיין אָבֶּער עֶס אִיז שְׁוֶוער פַארְ'ן רֶבִּי'ן דָאס צוּ מְגַלֶּה זַיין, אַזוֹי ווִי עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט עֶפֶּעס מְגַלֶּה זַיין אִיז דָאס גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, פְּלוּצְלוּנְג

רופְט זיך דער רֶבִּי אָן: 'סֶע הָאט אַ פָּנִים אַז מֶע מוז זיך פון אַ הִרְהוּר זֵייעֶר היטְן'; אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען פון רֶבִּי'ן, פון די תְּנוּעוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמַאכְט, ווִי וַוייט מֶען אִיז פּוֹגֵם מִיט אֵיין שְׁלֶעכְטֶע הִרְהוּר, 'שֶׁפּוֹגֵם מְאֹד מְאֹד, רַחֲמָנָא לִצְלַן, וְאִי אֶפְשָׁר לְצַיֵּר זֹאת בִּכְתָב'".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן אַ שְׁנֶעלֶע רְפוּאָה.

...

### וואו זָאל אִיךְ אַיינְשְׁטֵיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אִיךְ הָאבּ שְׁטַארְק חֵשֶׁק צוּ זַיין דָארְט מִיטְ'ן קִיבּוּץ פוּן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִינְאֵיינֶעם מִיטְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז אִיךְ קֶען קֵיינֶעם נִישְׁט דָארְט פֶּערְזֶענְלִיךְ, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאבּ אִיךְ אַ קָרוֹב וָואס גֵייט אוֹיךְ קַיין אוּמַאן, אוּן אִיךְ קֶען אַיינְשְׁטֵיין וואו עֶר אִיז, אָבֶּער נִישְׁט מִיט הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ.

מַיין טַאטֶע אִיז אוֹיךְ נִישְׁט אַזוֹי צוּפְרִידְן אַז אִיךְ פָּאר קַיין אוּמַאן, אוּן עֶס זֶעט מִיר אוֹיס אַז עֶר וֶועט שְׁפִּירְן מֶער רוּאִיגֶער אוֹיבּ וֶועל אִיךְ גֵיין צוּזַאמֶען מִיט דֶעם קָרוֹב.

וָואס הַאלְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז אִיךְ זָאל טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ו' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה, שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לֹא מִבַּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בָּרֹאשׁ

הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר אַ מַתָּנָה; נִישְׁט נָאר עֶטְס - מַיינֶע תַּלְמִידִים - זֶענְט אִיר תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל, וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִישׁ לֹא יֵעָדֵר; כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער פַארְוָואס מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מַאכְן אַ כְּרוּז אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַז וֶוער עֶס קוּמְט צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ הִתְנַגְּדוּת אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הַיינְט אִיז שׁוֹין דָא הִתְנַגְּדוּת אוֹיךְ פוּן אִינֶעוֵוייניג, עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אִין בְּרֶסְלֶב אַלֵיינְס אַז מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּם רֶבִּינְ'ס קִיבּוּץ; קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים וָואס דֶער רֶבִּי אִיז מְתַקֵּן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תו): "שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן. אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם, אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים, כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת", רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס עֶר קֶען זֵיי נִישְׁט מְתַקֵּן זַיין אַ גַאנְץ יָאר.

וואוּ צוּ זַיין אִין אוּמַאן - דָאס מַאכְט נִישְׁט אוֹיס; גֵיי וואוּ עֶס אִיז דִיר

**מֶער בַּאקְוֶועם, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

### וִוי אַזוֹי שְׁטֶעלְט מֶען אַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין קְלַאס, אָן שְׁלָאגְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵד שׁוֹין זִיבְּן יָאר צוּם גוּטְן, אִיךְ לֶערְן מִיט דִי קִינְדֶער אוּן אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵׁם זֵייעֶר מַצְלִיחַ. אִיךְ ווִיל נִישְׁט שְׁטֶערְן אוּן אַוֶועקְנֶעמֶען דִי טֵייעֶרֶע צֵייט פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ בִּין אַ שְׁלִיחַ צִיבּוּר פוּן דִי פִּיר אוּן צְוָואנְצִיג קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען בַּיי מִיר, אוּן אִיךְ טָאר זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן פוּן פְרֶעגְן.

דָאס אִיז אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן שְׁלָאגְן קִינְדֶער. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז דֶער עִנְיָן אִיז זֵייעֶר פַארְדְרֵייט גֶעוָוארְן בַּיי מְלַמְדִים, סֵיי אַז מֶען הָאט גֶעשְׁלָאגְן פוּן כַּעַס אָן דֶעם וָואס דָאס קִינְד זָאל אֲפִילוּ ווִיסְן פַארְוָואס עֶר כַאפְּט, אוּן סֵיי אַז מֶען הָאט גֶעשְׁלָאגְן קִינְדֶער וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט דָאס לֶערְנֶען אָדֶער פַאר'ן זִיךְ פַארְחָלוֹמְ'ן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ אַלְס מְלַמֵד הָאבּ אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן פֶּעטְשׁ פַאר קִינְדֶער, אָבֶּער נָאר פַאר חוּצְפָּה, אוּן אוֹיךְ נָאר וֶוען אִיךְ בִּין נִישְׁט אִין כַּעַס, אוּן אוֹיךְ וֶוען דָאס קִינְד ווֵייסְט פַארְוָואס עֶר בַּאקוּמְט עֶס. גֶעווֶענְלִיךְ פְלֶעג אִיךְ עֶס טוּן נָאר אָנְהוֹיבּ יָאר, וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ אַלְץ דֶער עֶרְשְׁטֶער מְחוּצָף וָואס ווִיל אוֹיסְפְּרוּבִּירְן דֶעם מְלַמֵד, אָדֶער צוּמָאל עֶטְלִיכֶע, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעכַאפְּט, אוּן נָאכְדֶעם הָאבְּן שׁוֹין אַלֶע קִינְדֶער גֶעווִיסְט אַז חוּצְפָּה אִיז נִישְׁט אַקְצֶעפְּטִירְט אִין דֶעם קְלַאס.

דָאס יָאר הָאבּ אִיךְ מֵאֵיזֶה סִיבָּה שֶׁיִּהְיֶה פַארְקוּקְט אָנְהוֹיבּ יָאר, אוּן אִיךְ הָאבּ נָאר גֶערֶעדְט: "הֶער אוֹיף", "רֶעד נִישְׁט וֶוען אַ רֶבִּי רֶעדְט", "מֶען קֶען נִישְׁט זִיצְן אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס פְּלַאץ", אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁפִּילְט דָאס יָאר, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ יָאר פוּן חוּצְפָּה, אִיךְ הָאבּ שְׁטַארְק חֲרָטָה גֶעהַאט פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט סֵדֶר אִין כִּתָּה אָנְהוֹיבּ יָאר, אָבֶּער עֶס אִיז צוּ שְׁפֶּעט יֶעצְט, דִי כִּתָּה פָּארְט שׁוֹין אוֹיף רֶעדֶער.

אִיךְ ווִיל הֶערְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס צוּ טוּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר הַבָּא עָלֵינוּ

לְטוֹבָה, וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דֶעם, אִיךְ הֶער אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁלָאגְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים, בְּרִיוְון, און אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת חֻקַּת, ז' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶועזְן מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער. בְּדֶרֶךְ כְּלָל, וֶוען קוּמְט אוֹיס אַ מְלַמֵּד זָאל שְׁלָאגְן קִינְדֶער? וֶוען דֶער מְלַמֵּד אִיז נֶערְוֶועז און אָנְגֶעצוֹיגְן, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן גֶעהֶערִיג בַּייְנַאכְט, עֶר אִיז הוּנְגֶערִיג וְכַדוֹמֶה, דֶעמָאלְט פַּאסִירְן דִי אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן שְׁלָאגְן קִינְדֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; קִינְדֶער פְּרוּבִּירְן אוֹיפְצוּרֶעגְן דֶעם מְלַמֵּד, זֵיי טוּעֶן ווִילְדֶע זַאכְן, זֵיי ווִילְן זֶען אוֹיבּ עֶס גֵייט זֵיי גֶעלוּנְגֶען אוֹיפְצוּרֶעגְן דֶעם מְלַמֵּד; אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד פַארְלִירְט זִיךְ און שְׁלָאגְט דִי קִינְדֶער - דַאן הָאט עֶר אַלֶעס פַארְלוֹירְן, וַוייל דִי קִינְדֶער זֶעעֶן אַז מֶען קֶען אִים אוֹיפְרֶעגְן און אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי גְלִידֶער, גֵייעֶן זֵיי וַוייטֶער אוֹיף דֶעם וֶועג, דִי שְׁלֶעק שְׁטֶעלְט זֵיי נִישְׁט אָפּ.

דֶערִיבֶּער וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמה, סְעִיף יח) אַז אַ מְלַמֵּד טָאר זִיךְ נִישְׁט מְסַגֵּף זַיין; מֶען דַארְף גוּט עֶסְן און גוּט שְׁלָאפְן, זַיין זַאט און אוֹיסְגֶערוּט, כְּדֵי צוּ הָאבְּן אַייזֶערְנֶע נֶערְוֶועְן פַאר דִי קִינְדֶער. אַ מְלַמֵּד וָואס אִיז גוּט אוֹיסְגֶערוּט און גוּט זַאט, וֶוען אַ קִינְד ווִיל אִים אוֹיפְרֶעגְן - פַארְלִירְט עֶר זִיךְ נִישְׁט, עֶר וֶוערְט נִישְׁט נֶערְוֶועז, עֶר שְׁלָאגְט נִישְׁט, אָדֶער מַאכְט עֶר זִיךְ ווִי עֶר זֶעט נִישְׁט. רוֹב מָאל אִיז דָאס דִי וֶועג מִיט דִי קִינְדֶער וָואס זוּכְן צוּ אוֹיסְפְּרוּבִּירְן דֶעם מְלַמֵּד, מֶען זָאל זִיךְ מַאכְן ווִי מֶען זֶעט נִישְׁט, מֶען זָאל וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִי סֵדֶר הַיּוֹם, און וֶוען דֶער קִינְד זֶעט אַז עֶר הָאט נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶועזְן - הֶערְט עֶר אוֹיף צוּ שְׁטֶערְן, און וֶוען מֶען דַארְף יָא זָאגְן, מֶען קֶען נִישְׁט פַארְזֶען - דֶעמָאלְט גֶעבְּט מֶען אַ קְנַס אָדֶער בַּאקוּמְט נִישְׁט דֶער קִינְד אַ גוּטֶע זַאךְ וְכוּ'; אָבֶּער עֶר שְׁלָאגְט נִישְׁט, עֶר הַאלְט זִיךְ

רואִיג.

די שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ וָואס אַ מְלַמֵד קֶען טוּן מִיט קִינְדֶער וָואס מֶען דַארְף זֵיי לֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ וְכַדוֹמֶה - אִיז נִישְׁט אַרוֹיסְלָאזְן בַּיי הַפְּסָקָה; מֶען הֵייסְט זֵיי בְּלַייבְּן זִיצְן אִין כִּתָּה דוּרְכְאוֹיס דִי צַייט וָואס דִי קִינְדֶער גֵייעֶן זִיךְ שְׁפִּילְן, דָאס שְׁטֶעלְט אַ קִינְד אִין פְּלַאץ. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ דֶער קִינְד וֶועט פְּרוּבִּירְן אַלֶע מִיטְלֶען צוּ קֶענֶען גֵיין שְׁפִּילְן, עֶר וֶועט שְׁרַייעֶן, עֶר וֶועט וֵויינֶען אוּן פַארְפִירְן, אָבֶער אַז דֶער מְלַמֵד בְּלַייבְּט שְׁטַארְק, עֶר וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן, עֶר זָאגְט דֶעם קִינְד: "הַיינְט הָאסְטוּ גֶעשְׁטֶערְט דִי כִּתָּה, קֶענְסְטוּ נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין שְׁפִּילְן", "הַיינְט בִּיסְטוּ גֶעוֶוען נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג - וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן דָא"; דֶער קִינְד וֶועט וֵויינֶען, עֶר וֶועט ווִילְדֶעוֶוען אָבֶער עֶר וֶועט זִיךְ בַּארוּאִיגְן אוּן בִּיז אַפָּאר מָאל וֶועט עֶר פַארְשְׁטֵיין אַז עֶר דַארְף זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

נָאךְ אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ ווִיסְן, מֶען טָאר נִישְׁט וַוייזְן פַארְלוֹירְנְקֵייט פַאר די קִינְדֶער. אַז דֶער קִינְד הֵייבְּט אָן פַארְפִירְן, עֶר קֶען נִישְׁט נֶעמֶען דִי עוֹנֶשׁ, דִי קְנַס וְכוּ'; אַז דֶער מְלַמֵד וֶוערְט שְׁוַואךְ אוּן עֶר זָאגְט פַאר'ן קִינְד: "אוֹקֶעי, יֶעצְט קֶענְסְטוּ גֵיין, אִיךְ בִּין דִיר מוֹחֵל", הָאט דֶער מְלַמֵד פַארְלוֹירְן אַלֶעס, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּן; דִי קִינְדֶער דַארְפְן ווִיסְן אַז אַ וָוארְט פוּנֶעם מְלַמֵד אִיז אַ וָוארְט, אַז מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט בְּלַייבְּן אִין כִּתָּה בְּלַייבְּט עֶס אַזוֹי, מֶען זָאגְט רוּאִיגֶערְהֵייט פַאר'ן קִינְד: "מָארְגְן וֶועסְטוּ קֶענֶען גֵיין שְׁפִּילְן".

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מֶען דַארְף הָאבְּן שֵׂכֶל, מֶען דַארְף ווִיסְן ווִי אַיין אוּן ווִי אוֹיס; וֶוען יָא צוּ גֶעבְּן אַן עוֹנֶשׁ אוּן וֶוען נִישְׁט; נִישְׁט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ גֶעבְּט מֶען אַן עוֹנֶשׁ, אָבֶער וֶוען מֶען גֶעבְּט שׁוֹין יָא, דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ אַז מְלַמְדִים אוּן מְחַנְכִים זָאלְן גֶעבְּן פְּרָסִים, אוּן מִיט דֶעם קֶען מֶען אוֹיךְ אוֹיפְטוּן זֵיי מְחַנֵךְ זַיין אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ. דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, זֵיי בַּאקוּמֶען, אוּן אַ קִינְד וָואס פַארְפִירְט אוּן פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי ווִי מֶען דַארְף - עֶר בַּאקוּמְט נִישְׁט דִי גוּטֶע זַאךְ, פְּרָסִים

אִיז אַ שְׁטַארְקֶע מִיטְל פַּארְ'ן מְלַמֵּד.

אוֹיבּ אַ קִינְד שְׁטֶערְט דִי לִימוּדִים מִיט אַ זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן שְׁטוּבּ - נֶעמְט מֶען אַוֶועק דִי זַאךְ אוּן מֶען גֶעבְּט דָאס נִישְׁט צוּרִיק פַּאר אַפָּאר טֶעג, אַזוֹי לֶערְנְט עֶר זִיךְ אוֹיס נִישְׁט צוּ שְׁטֶערְן מֶער, אֲפִילוּ דֶער קִינְד קוּמְט וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן אַז עֶר דַארְף צוּרִיק דִי שְׁפִּיל, לֶערְנְט מֶען אִים אוֹיס, מֶען זָאגְט אִים: "נֵיין, דוּ בַּאקוּמְסְט נִישְׁט צוּרִיק דִי שְׁפִּיל; הָאסְט גֶעשְׁטֶערְט דָאס לֶערְנֶען וֶועסְטוּ דָאס נִישְׁט קֶענֶען הָאבְּן פַּאר אַ וָואךְ". אַזוֹי אוּן דָאס גְלַייכְן קֶען מֶען מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער, אָבֶּער נִישְׁט שְׁלָאגְן; שְׁלָאגְן אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִינוּךְ, שְׁלָאגְן מַאכְט נָאר עֶרְגֶער, שְׁלָאגְן וַוייזְט אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז שְׁוַואךְ אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן אִין כִּתָּה.

אַ מְלַמֵּד דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק שְׁטֶענְדִיג צוּ גֶעדֶענְקֶען דֶעם כְּלַל וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה מא.): "שְׂמֹאל דוֹחֶה וְיָמִין מְקָרֶבֶת", פוּן אֵיין זַייט זַיין שְׁטַארְק, אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט - זַיין וֵוייךְ, וַוייזְן אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט פַּאר דִי קִינְדֶער. דֶער מְלַמֵּד דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז דִי כִּתָּה אִיז נִישְׁט קַיין תְּפִיסָה, דִי תַּכְלִית אִיז נִישְׁט אַיינְצוּשְׁפַּארְן דִי קִינְדֶער, בִּינְדְן דִי קִינְדֶער מִיט קֵייטְן, זֵיי זָאלְן שְׁפִּירְן וִוי זֵיי זִיצְן אִין תְּפִיסָה, דִי כִּתָּה דַארְף זַיין אִין דִי אוֹיגְן פוּנֶעם מְלַמֵּד אוּן בַּיי דִי קִינְדֶער - וִוי אַ פַּאלַאץ, דִי חֵדֶר אִיז דִי פַּאלַאץ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִין כִּתָּה לֶערְנְט מֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער מְלַמֵּד דַארְף שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אַלֶעס אִיז עֶר, אוּן עֶר אִיז אַלֶעס.

אַז מֶען שְׁטֶעלְט אַוֶועק דִי כִּתָּה אוֹיף דֶעם אוֹפָן דַארְף מֶען בִּכְלַל נִישְׁט שְׁלָאגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי תַּלְמִידִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

אַ מַתָּנָה פַאר דִי טֵייעֶרְער צַדִּיק ... נֵרוֹ יָאִיר, בֶּן הָרַב ר׳ ... נֵרוֹ יָאִיר, נֶכֶד הַצַּדִּיק רֶבִּי ... שְׁלִיטָ״א

דִי מַתָּנָה אִיז אַ צֵייכְן פַארְ׳ן זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת אַזוֹי שֵׁיין אוֹיפְ׳ן קוֹל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, זָאלְסְט גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**זִיךְ גֶעטְ׳ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה, אָבֶּער כַאפְּן שְׁלֶעק אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

אִיךְ זָאג טַאקֶע שְׁטֶענְדִיג פַאר דִי אִינְגֶעלַייט אוּן דִי וַוייבְּלֶעךְ: ״זִיךְ גֶעטְ׳ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה״, אָבֶּער לַיידְן פוּן דִי מַאן, כַאפְּן שְׁלֶעק פוּן דִי מַאן - אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה.

אוֹיבּ אִיז דָאס וָואר וָואס אִיר שְׁרַייבְּט, אַז אַייעֶר מַאן שְׁלָאגְט אַייךְ, עֶר

צְוִוינְגְט אַייך וְכוּ׳, - זָאלְט אִיר אִים זָאגְן בְּפֶה מָלֵא אַז אִיר גֵייט אַוֶועק גֵיין פוּן אִים.

וַוייזְט אִים דֶער בְּרִיוו; נִישְׁטָא וָואס מוֹרָא צוּ הָאבְּן. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "אַ סְגוּלָה גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּן רְשָׁעִים, שֶׁלֹּא לִפְחוֹד", זֵיי וַוייזְן אַז מֶען הָאט נִישְׁט מוֹרָא; וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַז מֶען הָאט נִישְׁט מוֹרָא - דֶעמָאלְט קֶענֶען זֵיי גָארְנִישְׁט טוּן.

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס גֶעהֶערְט אַז עֶר פְלֶעגְט דָאס אוֹיךְ טוּן צוּ זַיין מַאמֶע; עֶר פְלֶעגְט אִיר שְׁלָאגְן, עֶר פְלֶעגְט אִיר אַרָאפְּוַוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד.

נָאכְמָאל, זִיךְ גֶטְ'ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה, אָבֶער כַאפְּן שְׁלֶעק אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה.

אוֹיבּ עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט זָאלְט אִיר רוּפְן דִי פָּאלִיצֵיי.

...

**לָאזְן מַאכְן אַ מִנְיָן נָאר אוֹיבּ מֶען דַאוֶוענְט עֶרְנְסְט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... מְלַמֵּד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת יוֹאֵל

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, סַיי מִיט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִין חֵדֶר; לֵייג אַרַיין אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן סַיי שַׁבָּת מִיט דִי אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים.

אִיךְ בַּאקוּם כְּסֵדֶר גוּטֶע גְרִיסְן פוּן אוּנְזֶער שׁוּל אִין קִרְיַת יוֹאֵל - שְׁכוּנַת עֲצֵי תְּמָרִים, בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ׳ שַׁבָּת מִיט דַיינֶע דִיבּוּרִים, דִי פָּשׁוּטְ'עֶ וֶוערְטֶער וָואס דוּ לֶערְנְסְט - דָאס אִיז זֵיי וִוי לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען, זֵיי וַוארְטְן אַ גַאנְצֶע וָואךְ פַאר דִי חִיזוּק.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע וָואס צוּ טוּן מִיט דִי אִינְגֶעלַייט וָואס וִוילְן מַאכְן אַ מִנְיָן בַּיי אוּנְז שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג צְוֶועלְף אַזֵייגֶער, מֶען הָאט זֵיי פַארְשִׁיקְט פוּן אַנְדֶערֶע שׁוּלְן קוּמֶען זֵיי צוּ דִיר וְכוּ׳; אוֹיבּ אִיז דָאס אִינְגֶעלַייט וָואס וִוילְן

דַאוֶוענֶען עֶרְנְסְט, זֵיי רֶעדְן נִישְׁט בַּיים דַאוֶוענֶען און זֶענֶען נִישְׁט מְשַׁנֶּה בַּיים דַאוֶוענֶען וְכוּ׳, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ אִיז, זֵיי ווִילְן מַאכְן אַ שְׁפֶּעטֶע מִנְיָן – קֶענְסְטוּ זֵיי לָאזְן דַאוֶוענֶען בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל, אָבֶער אוֹיבּ אִיז דָאס אִינְגֶעלַייט וָואס זוּכְן נַייעֶ וֶועגְן וְכוּ׳, זֵיי זוּכְן אַ פְּלַאץ וואו צוּ שְׁפֶּעטְן וְכוּ׳, זֵיי דַאוֶוענֶען נִישְׁט, זֵיי זוּכְן פָּשׁוּט אַ פְּלַאץ וואו זִיךְ צַאמְצוּקוּמֶען – זָאלְסְטוּ זֵיי פַּארְטְרַייבְּן, וַוייל מִיר וֶועלְן נָאר לַיידְן פוּן דֶעם, מֶען וֶועט נָאךְ רֶעדְן אוֹיף אוּנְז, מֶען וֶועט זָאגְן ׳דָאס זֶענֶען בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר׳.

בְּנוֹגֵעַ דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס קוּמֶען אָנְגֶעטוּן קוּרְץ; קְלֵיינֶע קִינְדֶער קֶענֶען קוּמֶען זוּמֶער מִיט קוּרְצֶע הוֹיזְן און קוּרְצֶע עֶרְמְל.

אִיךְ ווִיל מִיט דִיר זִיצְן אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואכְן אוֹיסְשְׁטֶעלְן דִי סֵדֶר פַּאר קוּמֶענְדִיגֶע יָאר שְׁנַת תשפ״ב – תְּ׳הֵא שְׁ׳נַת פְּ׳אֵר בְּ׳רֶסְלֶב – הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מֶען קוּקְט נִישְׁט בַּיי אַ שִׁידוּךְ אוֹיבּ מֶען אִיז בְּרֶסְלֶב אָדֶער נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן בַּיי אַ שִׁידוּךְ אוֹיבּ מֶען אִיז בְּרֶסְלֶב אָדֶער נִישְׁט, מֶען דַארְף קוּקְן אוֹיבּ אִיז דָא אַ גוּטֶע קֶרֶן, אוֹיבּ אִיז דָא מִידוֹת טוֹבוֹת און יִרְאַת שָׁמַיִם; יָא בְּרֶסְלֶב נִישְׁט בְּרֶסְלֶב – נִישְׁט דָאס אִיז אוֹיף וָואס מֶען קוּקְט.

בִּכְלַל ווִיל אִיךְ פַאַרְשְׁטֵיין, וֶוער אִיז בְּרֶסְלֶב? וָואס אִיז בְּרֶסְלֶב? אֵיינֶער וָואס דְרֵיידְט זִיךְ אִין בְּרֶסְלֶב מֵיינְט דָאס אַז עֶר אִיז בְּרֶסְלֶב? אֵיינֶער וָואס פָּארְט אוֹיף אוּמַאן אִיז בְּרֶסְלֶב? מוֹהֲרַא״שׁ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזָאגְט ׳מֶען קֶען זַיין יָארְן אִין בְּרֶסְלֶב און נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט בְּרֶסְלֶב׳.

אִיךְ זָאג אַייךְ נָאכְאַמָאל, קוּקְט נִישְׁט אוֹיף בְּרֶסְלֶב, זוּכְט נִישְׁט אֵיינֶער וָואס אִיז בְּרֶסְלֶב, זוּכְט אַ בַּעַל מִידוֹת טוֹבוֹת און אַ יְרֵא שָׁמַיִם; גֵייט אַרוֹיס נָאכְאַמָאל זֶען אוֹיבּ אִיז דָא חֵן צְווִישְׁן עֶנְק. גֶעדֶענְקְט, דִי יָארְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער,

מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מַזָל טוֹב פַארְ׳ן מְסַיֵים זַיין שִׁשָׁה סִדְרֵי תּוֹסֶפְתָּא**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חֻקַת, ד׳ תַּמוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָל טוֹב פַארְ׳ן מְסַיֵים זַיין שִׁשָׁה סִדְרֵי תּוֹסֶפְתָּא, וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט בַּ׳בְלִי, אַ בְּלַאט יְ׳רוּשַׁלְמִי אוּן אַ פֶּרֶק תּ׳וֹסֶפְתָּא - רָאשֵׁי תֵּיבוֹת בַּיִ״ת. דוּ בּוּיסְט זִיךְ אַ בַּיִ״ת נִצְחִי, אַ הוֹיז לְנֵצַח נְצָחִים; דָאס וֶועסְטוּ מִיט נֶעמֶען מִיט זִיךְ.

אִיךְ הָאף יֶעדְן טָאג צוּ הֶערְן גוּטֶע נֵייעֶס בַּיי דִיר; אִיךְ בִּין זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ פוּן דַיין יְשׁוּעָה, אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַסַאךְ מִתְפַּלֵל פַאר דִיר. עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ טָאג וָואס אִיךְ זָאל נִישְׁט דַאוֶוענֶען פַאר דַיין יְשׁוּעָה; אֲפִילוּ עֶס נֶעמְט אַזוֹי לַאנְג - טָאר מֶען נִישְׁט פַארְלִירְן דִי אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין דוּרְכְאוֹיס דִי זוּמֶער וָואכְן אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי. אִיךְ הָאב גֶעטְרָאפְן אַ פְּלַאץ פַאר דִי בָּחוּרִים, אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ צוּ זַיין אַבִּיסְל צְוִוישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער, דִי לוּפְט אִיז רֵיין, עֶס אִיז נִישְׁטָא דִי זֲהֲמָה פוּן דִי שְׁטָאט, אִיךְ הָאף דִיר צוּ זֶען בְּמֶשֶׁךְ דִי זוּמֶער וָואכְן.

זָאג פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **״אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִיר, אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין שׁוּם סְפֵיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה״**; אַז מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער זֶעט מֶען גְלַייךְ אַ יְשׁוּעָה, וַוייל וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מְבַטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט גֵייט אַלֶעס וִוי אַזוֹי מֶען וִויל (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן פד).

...

### רֶעדְט פוּן גוּטֶע אוּן פַּאזִיטִיוֶוע זַאכְן, וֶועט אִיר הָאבְּן גַּדְלוּת הַמֹּחִין

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין פְּלַאץ אִיז אִין שְׁטֶעטְל, דָארְט וֶועסְטוּ קֶענֶען וואוֹינֶען רוּאִיג, וֶועסְט הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע דִירָה; עֶס אִיז נִישְׁט טַייעֶר דִי רֶענְט, דָארְט וֶועסְטוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט מְנוּחָה.

דָאס אַז דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ וִויל נִישְׁט קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל; בִּיז אַ יָאר וֶועט זִי טוֹישְׁן אִיר דֵעָה, זִי וֶועט זִיךְ בֶּעטְן בַּיי דִיר אַהִין צוּ גֵיין וואוֹינֶען.

דוּ פוּן דַיין זַייט הָאבּ סַבְלָנוּת, דוּ זַיי אִיר וַוייטֶער מְכַבֵּד, רֶעד צוּ אִיר וֵוייךְ אוּן שֵׁיין. גֵייט אַרִיבֶּער אִינְאֵיינֶעם אַלֶע חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ, דָאס וֶועט עֶנְק בְּרֶענְגֶען מוֹחִין, אִיר וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן קַטְנוּת הַדַּעַת. וֶוען אִיר שְׁמוּעֶסְט אִינְאֵיינֶעם אוּן דֶער יֵצֶר הָרָע הֵייבְּט אָן אַרַיינְפִירְן דִי שְׁמוּעֶס אִין נֶעגֶעטִיוֶוע טֶערֶעטָארִיֶע, מֶען הֵייבְּט אָן קְרֶעכְצְן ׳מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעלְט׳, ׳מִיר הָאבְּן אַ קְלֵיינֶע דִירָה׳, אוּן נָאךְ הוּנְדֶערְט זַאכְן וָואס מֶען הָאט נִישְׁט, זָאלְסְטוּ דְרֵייעֶן דִי שְׁמוּעֶס צוּ אוֹיסְרֶעכֶענֶען וָואס אִיר הָאט יָא, ׳מִיר זֶענֶען חֲתוּנָה גֶעהַאט, מִיר הָאבְּן לִיכְטִיגֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער מִיט רמ״ח אֵיבָרִים אוּן שְׁסָ״ה גִּידִים׳; דָאס וֶועט עֶנְק בְּרֶענְגֶען צוּ גַּדְלוּת הַמּוֹחִין, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיסְפִירְן אַלֶע דַיינֶע רְצוֹנוֹת.

גֶעדֶענְק דֶעם טַייטְשׁ פוּן מוֹהֲרָא״שׁ אוֹיף דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כב:): ״אֵין הָאִשָּׁה כּוֹרֶתֶת בְּרִית אֶלָּא לְמִי שֶׁעֲשָׂאָהּ כְּלִי״, אַ פְרוֹי מַאכְט אַ בּוּנְד נָאר צוּ אִיר מַאן וָואס בּוֹיט אִיר אוֹיף אוּן מַאכְט אִיר פַאר אַ יֵשׁ, אַ כְּלִי, אַ חֵפֶץ.

...

### וָוען מֶען וֶוערט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן בַּאקוּמְט מֶען אַ מוֹרָא'דִיגֶע חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת חֻקַּת, ד' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר

הוֹדוּ לַה' אַז דוּ פַארְהֵיילְסְט זִיךְ, צוּבִּיסְלִיךְ וֶוערְסְטוּ מֶער אוּן מֶער גֶעזוּנְט. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט צוּרִיק קוּמֶען צוּ דַיינֶע כֹּחוֹת, קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט בְּרְמַ"ח אֵיבָרִים וְשְׁסָ"ה גִידִים, לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן.

אַזוֹינְס וָואס דַיין וַוייבּ הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן דִיר - הֶערְט מֶען נִישְׁט; זִי זָאגְט אַז אַלֶע טֶעג אוּן וָואכְן וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאוֶועגְן בִּיסְטוּ גֶעזִיצְן מִיט אַ הוֹיפְן סְפָרִים אוּן גֶעלֶערְנְט שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת, טְרָאץ דִי יְסוּרִים אוּן שְׁוֶועריִקֵייטְן. דָאס אִיז עֶפֶּעס וָואס מֶען הֶערְט נִישְׁט בַּיי אַנְדֶערֶע; גֶעזוּנְטֶע מֶענְטְשְׁן זִיצְן נִישְׁט מִיט סְפָרִים, כָּל שֶׁכֵּן וֶוען מֶען לִיגְט מִיט יְסוּרִים. דָא זֶעט מֶען דִי כֹּחַ פוּן רֶבִּי"ן, וֶוען מֶען וֶוערט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי"ן בַּאקוּמְט מֶען אַזַא שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען, מֶען אִיז נִישְׁט מְוַותֵּר אוֹיף אַ טָאג אָן לֶערְנֶען, אֲפִילוּ מֶען לִיגְט אִין בֶּעט מִיט יְסוּרִים - לֶערְנְט מֶען וַוייטֶער שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, דִי תּוֹרָה הֵיילְט אוֹיס בְּגוּף וּבְנֶפֶשׁ.

שְׁטַארְק זִיךְ, גֵיי אָן וַוייטֶער מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הֵיילְסְט זִיךְ שׁוֹין אוֹיס אוּן בֶּעט אִים אוֹיף וַוייטֶער.

...

### אַז דוּ הָאסְט אוֹיסְגֶעלָאזְט מַסֶּכְתּוֹת, גֵיי קוֹדֶם וַוייטֶער וואוּ מֶען הַאלְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת חֻקַּת, ד' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

גְמָרָא נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע טוּנְקְלְקֵייטְן, פוּן אַלֶע

שְׁלֶעכְטְס. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כד.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (אֵיכָה ג, ו): "'בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי כְּמֵתֵי עוֹלָם', אָמַר רַבִּי יִרְמְיָה זֶה תַּלְמוּדָהּ שֶׁל בָּבֶל", דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף תַּלְמוּד בַּבְלִי; לִכְאוֹרָה, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא אַז דָאס אִיז אַ טוּנְקֶעלֶע זַאךְ, אַ טוֹיטֶע זַאךְ? זָאגְט מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים וַוייזְן אוּנְז אַ וֶועג אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דִי טוּנְקֶלְקֵייט; אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט 'עֶס אִיז מִיר פִינְסְטֶער', 'עֶס אִיז מִיר טוּנְקֶל', 'אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ וִוי אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ', 'עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶס אִיז מַמָּשׁ בַּיי מִיר מְקוּיָם גֶעוָוארְן דֶעם פָּסוּק "בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי כְּמֵתֵי עוֹלָם"', זָאגְט מֶען אִים: "זֶה תַּלְמוּדָהּ שֶׁל בָּבֶל", נֶעם אַ גְמָרָא תַּלְמוּד בַּבְלִי אוּן הֵייבּ אָן לֶערְנֶען - וֶועט דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן, אוּן דוּ וֶועסְט וֶוערְן צוּרִיק לֶעבֶּעדִיג.

לֶערְן יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא; אַז מֶען לֶערְנְט דִי בְּלַאט גְמָרָא וָואס אַלֶע לֶערְנֶען, אִיז מֶען מֶער פַארְזִיכֶערְט אַז מֶען וֶועט עֶפֶּענֶען דִי גְמָרָא יֶעדְן טָאג, עֶס וֶוערְט אַ חֵלֶק פוּנֶעם טָאג. נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט וֶוערְט דָאס אַ חֵלֶק פוּנֶעם מֶענְטְשְׁלִיכְן לֶעבְּן, עֶס וֶוערְט אַזוֹי וִוי הַנָּחַת תְּפִילִין.

אַז דוּ הָאסְט אוֹיסְגֶעלָאזְט אַפָּאר מַסֶּכְתּוֹת זָאלְסְטוּ קוֹדֶם גֵיין וַוייטֶער וואוּ מֶען הַאלְט, הַיינְט אִיז דֶער דַף מַסֶּכֶת ... דַף ...., אוּן דַיי מַשְׁלִים דִי בְּלֶעטֶער וָואס דוּ הָאסְט פַארְפֶעלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

די שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ בָּחוּר וָואס אַרְבֶּעט, אָבֶּער לֶערְנְט אוֹיךְ יֶעדְן טָאג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְרַאשְׁט פוּן דִיר, פוּן דַיין הַתְמָדָה; דוּ לֶערְנְסְט אַזוֹי פְלַייסִיג מִשְׁנָיוֹת, דוּ הָאלְסְט שׁוֹין יֶעצְט בַּיים מְסַיֵּים זַיין דִי זֶעכְצִיגְסְטֶע מָאל

גַאנְץ "שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה".

וואוּ אִין דִי וֶועלְט זֶעט מֶען אַזַא זַאךְ בַּיי אַ בָּחוּר וָואס אִיז נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה? דוּ אַרְבֶּעסְט, רוֹב טָאג בִּיסְטוּ פַארְנוּמֶען בַּיי דִי אַרְבֶּעט אוּן דוּ נֶעמְסְט אַרָאפּ יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל צַייט גוֹרֵס צוּ זַיין אַכְצֶן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; וואוּ אִין דִי וֶועלְט זֶעט מֶען אַזוֹינְס? אֲפִילוּ בַּיי יְשִׁיבָה בָּחוּרִים קֶען מֶען נִישְׁט טְרֶעפְן בָּחוּרִים זָאלְן הָאבְּן אַזַא הַשָּׂגָה, צוּ לֶערְנֶען אַזוֹי סַאךְ מִשְׁנַיוֹת.

שְׁטַארְק זִיךְ, גֵיי אָן מִיט ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; דָאס וֶועט עֶפֶענֶען פַאר דִיר אַלֶע טוֹיעֶרְן פוּן גַן עֵדֶן. דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (מִדְבַּר קְדֵמוֹת מַעֲרֶכֶת א, אוֹת נא) בְּשֵׁם דֶער מֶדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת, אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט בַּיים טִיר פוּן גֵיהִנוֹם אוּן וֶוער עֶס הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת שְׁלֶעפְּט עֶר אַרוֹיס פוּן דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה אוּן טְרָאגְט אִים אַרַיין אִין גַן עֵדֶן.

אִיךְ בֶּעט פַאר דַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר.

זוּמֶער וֶועל אִיךְ זַיין בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ הָאף דִיר צוּ זֶען.

...

### טְרֶעף זִיךְ יֶעדְן טָאג מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ה' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי זִיךְ מְחַזֵק מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת. נֶעם אַרָאפּ אַפָּאר מִינוּט, פִּינְף מִינוּט יֶעדְן טָאג; גֵיי אִין אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ, גֵיי מִיט דַיין קַאר צוּ אַ לֵיידִיגֶע גַאס אוּן רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, נָאר דָאס וֶועט דִיר הֶעלְפְן.

הָאסְט דָאךְ שׁוֹין גֶעזֶען וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶען טְרַאכְט 'דֶער שַׁדְכָן וֶועט מִיר הֶעלְפְן, יֶענֶער שַׁדְכָן הָאט פַאר מִיר מַיין שִׁידוּךְ', בִּיסְט שׁוֹין אַרוֹיס זִיךְ טְרֶעפְן מִיט אָן אַ שִׁיעוּר מֵיידְלֶעךְ, בַּיים סוֹף הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט אוֹיסְגֶעלָאזְט. יֶעצְט אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט אַרוֹיס צוּ גֵיין יֶעדֶע נַאכְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; יֶעדֶעס מָאל דוּ וֶועסְט מַאכְן אַ פְּגִישָׁה מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט רֶעדְן

מִיט אִים אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט מִיט אַ גוּטֶער פְרַיינְט, דוּ וֶועסְט אִים דַאנְקֶען אוֹיף דַיין לֶעבְּן אוּן נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ אִים בֶּעטְן אוֹיף אַ שִׁידוּךְ, אוּן אַז דוּ וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ לָאזְן אַפָּאר הֵייסֶע טְרֶערְן, דוּ וֶועסְט וֵויינֶען: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ ווִיל שׁוֹין נִישְׁט זַיין אַ פְּלַג גוּף, אַ הַאלְבֶּע מֶענְטְשׁ" - דִי פְּגִישׁוֹת וֶועט בְּרֶענְגֶען דַיין שִׁידוּךְ.

אַרוֹיסְגֵיין רֶעדְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן קָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, מֶען דַארְף נִישְׁט פָּארְן, קוּמֶען, גֵיין וְכוּ' וְכוּ'; וואוּ דוּ גֶעפִינְסְט זִיךְ - דָארְט גֶעפִינְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

בְּרוּדֶער, נֶעם דִי עֵצָה - וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ.

...

**גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דִי גֶעפִילְן פוּן אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ה' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה

זֵיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין לֶערְנֶען אוּן דַאוְונֶען.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דִי גֶעפִילְן פוּן אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים; פִיר זִיךְ מִיט גוּטֶע מִידוֹת. גוּטֶע מִידוֹת אִיז דֶער יְסוֹד פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, יֶעצְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז דִי צַייט צוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף דֶעם.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶערֶעדְט מִיט דַיינֶע עֶלְטֶערְן אַ שִׁידוּךְ פַאר דִיר, אַ גוּטֶע זַאךְ, אַ תַּלְמִידָה פוּן בֵּית פֵיגָא, אַ בַּעֲלַת מִידוֹת טוֹבוֹת; מֶען דַארְף נָאךְ אַבִּיסְל וַוארְטְן.

דִיר בֶּעט אִיךְ, רֶעד נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם פוּן שִׁידוּכִים; נִישְׁט מִיט בָּחוּרִים אוּן נִישְׁט מִיט אִינְגֶעלַייט. דוּ הָאסְט גוּטֶע עֶלְטֶערְן, פַארְשְׁטֶענְדְלִיכֶע עֶלְטֶערְן, זֵיי ווִילְן פַאר דִיר נָאר גוּטְס, מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב הָאבְּן דַיין זִיווּג.

נָאכְאַמָאל, אַרְבֶּעט אוֹיף גוּטֶע מִידוֹת; זֶע צוּ מְקָרֵב זַיין בָּחוּרִים צוּ וֶועם

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעפִיל, גֵיי אַרוֹיס פוּן דַיין וֶועג פַאר אַנְדֶערֶע, טְרַאכְט נִישְׁט נָאר פוּן דִיר.

...

**כַּאפּ אַ טֶענְצְל אִינְדֶערְהֵיים, וֶועלְן דִי קִינְדֶער קוּמֶען צוּ לוֹיפְן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ה׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

בַּיי אוּנְז אִיז דֶער מִנְהָג צוּ טַאנְצְן יֶעדְן טָאג; מִיר טַאנְצְן נָאכְן דַאוֶונֶען, מִיר טַאנְצְן וֶוען מִיר דֶערְמַאנֶען זִיךְ פוּן רֶבִּי'ן, אַז מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן. בִּפְרַט אִין שְׁטוּבּ, וֶוען מֶען קוּמְט אַהֵיים צוּ דִי קִינְדֶער טַאנְצְט מֶען מִיט דִי קִינְדֶער.

אִיךְ טְרַאכְט דוּ זָאלְסְט אַיינְפִירְן דֶעם גוּטְן מִנְהָג בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ; וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים נָאךְ אַ טָאג פוּן שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, נָאךְ אַ טָאג וָואס עֶס אִיז אַרִיבֶּער וָואס אִיז אַרִיבֶּער וְכוּ׳ וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ אָנְצִינְדְן לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק (חוּץ שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב) אוּן גֵיין אַ טֶענְצְל.

אַז דוּ וֶועסְט טַאנְצְן וֶועלְן דַיינֶע קִינְדֶער קוּמֶען צוּ לוֹיפְן, דִי נַאטוּר פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִיז צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, זֵיי צִיעֶן צוּ שִׂמְחָה; זֵיי וֶועלְן קוּמֶען צוּ לוֹיפְן, זֵיי וֶועלְן נִישְׁט וֶועלְן עֶנְדִיגְן צוּ טַאנְצְן, אַזוֹי וֶועלְן אַלֶע וֵוייטָאגְן אַוֶועק גֵיין.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כד) אַז שִׂמְחָה אִיז אַ הֵיילוּנְג פַאר אַלֶע קְרֶענְק אוּן וֵוייטָאג.

...

**וֶוער עֶס הֶעלְפְט בּוֹיעֶן קְהִלּוֹת בְּיִשְׂרָאֵל - אִיז דָא אוֹיף זֵיי טַעֲנוֹת**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ה׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בִּין נָאךְ שׁוּלְדִיג אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַאר'ן אַוֶועק גֶעבְּן אַזוֹיפִיל צַייט

און כֹּחַ אַהֶער צוּ שְׁטֶעלְן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַזַא שֵׁיינֶע יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת. אִיר הָאט בַּאוִויזְן צוּצוּשְׁטֶעלְן פַאר דִי גַאנְצֶע קְהִילָה אֲכִילָה, שְׁתִיָ׳ און לִינָה, אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת הָאבְּן זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט; דִי זְכוּת זָאל אַייךְ בֵּיישְׁטֵיין, פַאר אַייךְ און פַאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת.

נֶעמְט אַייךְ נִישְׁט צוּם הַארְצְן פוּן דִי וָואס הֶעצְן קֶעגְן אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר, אַזוֹי אִיז אַלְץ גֶעוֶוען און אַזוֹי וֶועט אַלְץ זַיין; וֶוער עֶס טוּט, וֶוער עֶס הֶעלְפְט בּוֹיעֶן קְהִלּוֹת בְּיִשְׂרָאֵל - אִיז דָא אוֹיף זֵיי טַעֲנוֹת, אוֹיף זֵיי רֶעדְט מֶען. דֶעריבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען צוּם הַארְצְן, גְלֵייבְּט מִיר, עֶס טוּט מִיר נָאךְ אַסַאךְ מֶער וֵויי וֶוען אִיךְ הֶער וִוי מֶען פַארְשֶׁעמְט אַייךְ, וִוי מֶען שְׁטֶעכְט אַייךְ.

דָאס וָואס אִיר טוּט מִיט אַייעֶר מַאן, אִיר הֶעלְפְט מִיר אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל, דָאס וֶועט אִיר מִיטְנֶעמֶען; נָאר דָאס, עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּט נִישְׁט מִיטְ׳ן מֶענְטְשׁ, נָאר וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ טוּן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס נֶעמְט מֶען מִיט.

דִי בִּזְיוֹנוֹת נֶעמְט אַוֶועק אַסַאךְ צָרוֹת.

...

# עֵצָתוֹ אֱמוּנָה

פְּאֵר קִינְדְּלִי

## ווִי אַזוֹי ווֶוערְט מֶען אַ צַדִּיק?

קִינְדֶער, וֶוער וֵוייסְט ווִי אַזוֹי דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוָוארְן אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִּיק?! וָואס פַאר אַ גוּטֶע זַאכְן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעטוּן אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק?!

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רלז) וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְג, יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר הָאט גֶעגֶעסְן אַ סְעוּדָה – פְלֶעגְט עֶר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אִידִישׁ אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעסְן; עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט בַּאגְנוּגְט מִיט דִי בְּרָכוֹת פוּן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, עֶר הָאט גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ פוּן דִי סְעוּדָה; אוֹיף דִי קִיכְל, אוֹיף דִי רֶעטֶעךְ, אוֹיף דִי זוּפּ אוּן פְלֵייש אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ הָאט עֶר גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.




שְׁכֹּח! אֵייבֶּעְרְשְׁטֶער!

טֵייעֶרֶע בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר קִינְדֶער, אַז מִיר וֶועלְן גֵיין אִין רֶבִּינְ׳ס וֶועג, מִיר וֶועלְן זִיךְ אַזוֹי פִּירְן; מִיר וֶועלְן אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר וֶועלְן אִים דַאנְקֶען אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ - וֶועלְן מִיר אוֹיךְ וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

אַלֶע קִינְדֶער זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: "שְׁכֹּחַ, שְׁכֹּחַ! אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא שֵׁיינֶע לֶעבְּן, טַאטֶע אִיךְ דַאנְק דִיר אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיר, פַאר אַלֶעס גוּטְס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר".

# זעט גרויסע ישועות

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת שלח,

י"ט סיון, שנת תשפ"א לפרט קטן

לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר

דו דארפסט דאך א גרויסע ישועה, זאלסטו מנדב זיין געלט צו דרוקן אשר בנחל, אדער עצתו אמונה, איש אמונות - וואס איז א המשך פון אשר בנחל.

ווייל מוהרא"ש האט מבטיח געווען, ווער עס וועט נעמען א חלק אין דרוקן די הייליגע בריוו פון אשר בנחל - וועט גלייך זען א גרויסע ישועה, למעלה מדרך הטבע.

די הבטחה גייט אויך ארויף אויפ'ן ספר עצתו אמונה, און ספר איש אמונות; די בריוו פון עצתו אמונה און איש אמונות איז א שטיק אשר בנחל, אלעס איז גענומען פון מוהרא"ש, יעדע בריוו איז שכל פון מוהרא"ש.

איך האב געגעבן דעם נאמען איש אמונות, געבויט אויף דעם וואס שלמה המלך זאגט (משלי כח, כ): "אִישׁ אֱמוּנוֹת", א מענטש מיט אמונה, "רַב בְּרָכוֹת", האט אסאך ברכות; אין די ווארט אי"ש איז דא די אותיות א' ש' - די נאמען פון מוהרא"ש, און אויך איז מרומז מיין נאמען - י' - ארייגעלייגט צווישן די אותיות פון מוהרא"ש'ס נאמען; איך האף צום אייבערשטן איך זאל בלייבן ביי מוהרא"ש מיין גאנץ לעבן בזה ובבא.

**אז דו וועסט מנדב זיין צו דרוקן די הייליגע בריוון וואס ברענגט אריין אזויפיל קדושה וטהרה און חיזוק צו מקיים זיין די תורה, וועסטו זען א גרויסע ישועה בקרוב ממש.**

# זכות שם מהדורה

## $5,000

**זכות מהדורה** — נמכר
ר' אלי' ציג הי"ו ושותפיו
וויליאמסבורג, וויזניץ קיימישע

**זכות מהדורה** — נמכר
ר' יענקי פיש הי"ו
בארא פארק

**זכות מהדורה** — נמכר
הרוצה בעילום שמו
וויליאמסבורג

**זכות מהדורה** — נמכר
ר' מנחם זאב שטערן הי"ו
סטעטן איילענד

# זכור

וואס עס ו
די חשוב'ע
# ספר

**זכות ראש השנה** — נמכר
ר' משה גאטליב הי"ו
קרית יואל

**זכות יום כיפור**

**זכות סוכות** — נמכר
ר' אברהם יצחק אייזנער ה
וויליאמסבורג

**בראשית** — נמכר
ר' נתנאל פארקאש הי"ו
קרית יואל

**נח**

**לך לך** — נמכר
ר' משה ראזענבערג הי"ו
ירושלים

**וירא**

**חיי שרה** — נמכר
ר' יענקי איידליס הי"ו
וויליאמסבורג

**תולדות**

**ויצא**

**וישלח** — נמכר
ר' אלימלך שארף הי"ו
בארא פארק

**וישב** — נמכר
ר' יעקב שלום ראטטענבערג הי"ו
קרית יואל

**מקץ** — נמכר
ר' יצחק משה רייך הי"ו
בארא פארק

**ויגש**

**ויחי** — נמכר
הרב שלמה ראטה הי"ו
וויליאמסבורג

**שמות**

**וארא**

**בא**

**בשלח – שירה**

**יתרו** — נמכר
ר' חיים יוסף ראזענבערג הי"ו
וויליאמסבורג

**משפטים** — נמכר
ר' מרדכי אהרן היילפרין הי"ו
קרית ברסלב

**תרומ** — נמכר
ר' זושא פריע
מאנס

**תצו**

**כי תש** — נמכר
חבורת היכל
בני ברק - ב

**ויקהל-פ**

נאך 25 זכותים פארבליבן אינעם ספר וואס וועט בעז"ה ווער

# ...ים נצחיים

...עט פאראייביגט ווערן די נעמען פון

...נדבנים אינערהאלב דעם הייליגן ספר

# איש אמונות

## שנת תש"פ

## זכות שם מהדורה

## $5,000

**זכות מהדורה** — נמכר
ר' שמעון ראטה הי"ו
וויליאמסבורג

**זכות מהדורה** — נמכר
ר' שמואל'יק בלעדי הי"ו
בארא פארק

**זכות מהדורה** — נמכר
ר' שלמה יאקאבאוויטש הי"ו
קרית ברסלב

**זכות מהדורה** — נמכר

## זכות ימים טובים

## $1,500

**זכות חנוכה** — נמכר
ר' שמעון עוזר גרינפעלד הי"ו
וויליאמסבורג

**זכות פורים**

**זכות פסח** — נמכר
ר' אהרן פיש הי"ו
קרית ברסלב

**זכות שבועות** — נמכר
לזכות הראש ישיבה שליט"א
קרית ברסלב

## זכות פון א פרשה

## $1,000

**נשא** — נמכר
ר' לוי יצחק זאפיר הי"ו
בארא פארק

**בהעלותך** — נמכר
ר' שמואל אליעזר פערל הי"ו
לאנדאן

**שלח** — נמכר
ר' אלי קנאלל הי"ו
טשעסנאט רידזש

**קרח** — נמכר
ר' יוסף פעלדמאן הי"ו
מאנסי

**חקת-בלק** — נמכר
ר' לייבי ראטה הי"ו
וויליאמסבורג

**פנחס**

**מטו"מ** — נמכר
ר' נחמן נתן קרויס הי"ו
וויליאמסבורג

**דברים** — נמכר
ר' נח הערש ווייס הי"ו
קרית יואל

**ואתחנן** — נמכר
ר' הערשל שניצלער הי"ו
קרית ברסלב

**עקב**

**ראה**

**שופטים**

**כי תצא**

**כי תבוא** — נמכר
ר' אייזיק ראטה הי"ו
וויליאמסבורג

**נצבים-וילך** — נמכר
ר' יואל טייטלבוים הי"ו
קרית יואל

**האזינו** — נמכר
ר' שמעון אשרי הי"ו
מאנסי

**ויקרא** — נמכר
ר' אהרן פיש הי"ו
קרית ברסלב

**צו**

**שמיני**

**תזריע**

**טהרה**

**אחרי**

**קדושים**

**אמור** — נמכר
הרוצה בעילום שמו
וויליאמסבורג

**בהר-בחקותי**

**במדבר**

...דמאן הי"ו

...הקודש
...ני ברק

...קודי

...ן פארשפרייט אין די גאנצע וועלט, כאפט אריין א זכות וואס וועט אייך אייביג צוניץ קומען!

בס"ד

# בשורה טובה ומשמחת!

שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך

## צו אייער טיר

אויף די פאסט

די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים

# עצתו אמונה

הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,

געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
## יואל רוטה
שליט"א

היכל הקודש

רופט אדער טעקסט

קרן הדפסה היכל הקודש

**718•387•2691**

אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org

חיזוק צום טיר

goodpointmediainc@gmail.com